ראַדאָמער-קעלצער לעבן

Radom dnia 2 Grudnia 1938.
ראַדאָם, פרייטאָג ט׳ כסלו תרצ״ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

אַבטיילונג פאַר קעלץ אויף זייט 8

אַבטיילונג פאַר אָסטראָוויעץ אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק און סביבה אויף זייט 7

Wytw. Wyrobów Cukierniczych
p. t. **„Americanka”**
L. Wajsbrodt — *Rynek* 16.

מאַכט בעקאַנט דאָס ג. פּובליקום, אַז
אין **צוקערניע** און **היגיענישע בעקעריי**
רינעק 16 און אין דער יוד. צוקערניע **«אַמעריקאַנקא» פּראַזשוסקא 62**
בעקומט מען יעדען טאָג פריש און פיין געבעקס צו ביליגע פרייזען,
פערשידענע געשמאַקע טשאַסטעס פון דער פיינסטער קוואַליטעט צו 15 גר.
ס׳איז צו בעקומען שטענדיג טאָרטען, מאַרציפּאַנאָווע פון 1.50 אָן.
אַלץ ווערט אויסגעאַרבייט דורך אַ פאַכמאַן מיט אַ לאַנגיעהריגע פּראַקטיק.
אַלע מינים געבעקסען ווי לוקסען, ביִלקעלעך, טשאַסטעס, וואַפלעס, הער־באַטניקעס, טאָרטען, באַקאַלעס דעסעראָווע, לעקעך, פערשידענע קרעמען, מיגדאַלאָווע אַרטיקלען און פרייטאָג־חלות.
עס ווערען אויך אָנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, בעלער, קאָנצערטען.
שאָקאָלאַד פון פערשידענע פירמעס און פרוכטען צו ביליגע פרייזען.

בעקאַנטמאַכונג.

דאָס לאַנג־עגזיסטירענדע בראָנפען־געשעפט
פון ר. קופּערמאַן
איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף **ריבעק 14**
ביי דער צוקערניע.
עס איז צו בעקומען אַלע **סאָרטען בראָנפען 45% 55%**
95% ליקערען, וויינען, אויך כּרמל.
מיט אַכטונג **ר. קופּערמאַן, ריבעק 14.**

Z intencji zaślubin kolegi
Leona Rozencwajga
z p.
Lolą Gutmanówną
moc szczerych życzeń
życzą
Milgromowie.

Z intencji zaślubin
p. *Loli Gutman*
z p.
L. Rozencwajgiem
dużo szczęścia życzą
S. i Luba Rozencwajgowie.

אַ הארציגען מזל־טוב ווינשען
מיר אונזער געליבטען ברודער
ישראל אהרן
צו דער פערלאָבונג מיט פרל.
רעגינא אייזענבערג
יחיאל און **חנה׳לע ליטוואַק**

אַכטונג יוגענדליכע האַנדווערקער
אַלע יוגענדליכע האַנדווערקער פון פערשידענע פאַכטען
בכדי צוגעלאָזט ווערען צו א פערליכטערטען געזעלען־עגזאַמען,
ברויך מען צו מאַכען א קורץ־טערמיניגען קורס,
וועלכען דער **„אָרט“** וועט שאַפען אין פאַל ווען עס וועט זיין א גענוגענדע צאָהל קאַנדידאַטען.
איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען יעדען טאָג אין געזעלשאַפט „אָרט“ זשעראָמסקי 27 — פון 10 ביז 1 נ. מ. אין שניידער־צעך אויף וויטאָלדא 10 פון 6 ביז 8 אָוועגד און אין האַנדווערקער־פערבאַנד רווינסקא 1 פון 8 ביז 10 אָוועגד.

Wytwórnia Siatek higien. do łóżek
i tapczanów automatycznych
„HIGIENA”
wł. Ch. Staszewski
Radom, Pl. Legionów (Rynek) 6.

ס׳ווערט אויסגעאַרבייט **שאַטקעס צו בעטען**
ווי אויך **אויטאָמאַטישע טאַפּטשאַנען**
ערשטקלאַסיגע אַרבייט
פּינקטליכע אויספיהרונג
זעהר ביליגע פרייזען
קומט און איבערצייגט אייך.

Chłopca
inteligentnego
do nauki
— przyjmę —
zgłaszać się w godz. 10—12
Z. WĘGIER
Żeromskiego 25

Hance Gostynskiej
z powodu śmierci
B. P.
Jej MATKI
wyrazy głębokiego współczucia
składają J. Werberowie
Warszawska 4

Okucia meblowe — Okucia budowlane
8-טונג בעלי־מלאכות פון ראדאם און אומגעגנד!
די ביליגסטע קוועלע פון בוי און מעבל־באַשלעג
שרויפען, ניטען, רעהמען מעשענע צו פויערהאַנגען, ווי אויך פערשידענע אייזען־אַרטיקלען קורצע און גראָבע צו בעקומען אין דער אייזען־פירמע
E. Frydman Radom, Słowackiego **8**

Student ing „פּליט“ in Berlin geboren und studiert, erteilt gruendlichen Unterricht in englischer und deutscher Sprache.
Offerten unter „Sprachen“ an die Redaktion.

פראָפ. וואַיאַזשאַרען־פעראיין אין ראדאם.
דערמיט זענען מיר מודיע אונזערע מיטגלידער, אַז דער סעקרעטאַריאַט פון אונזער אָרגאַניזאַציע איז וויטער סעטיג אין פאָלגענדע טעג און שעה׳ען: מיטוואָך פון 7—5 אָוונד, שבת פון 7—5 און אויך זונטאָג אין די זעלבע שעה׳ען, אין אייגענעם לאָקאַל וויטאָלדא 10.
די פערוואַלטונג פון וואַיאַזשאַרען־פעראיין
אין ראַדאָם.

Nadszedł
ŚWIEŻY TRAN
szwedzki
ST. KUROWER
RADOM, Żeromskiego 1

אַלגעמיינע פערזאַמלונג
זונטאָג דעם **4** גרודזיען 1938 וועט פאָרקומען אַן
אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער
פון בית־יתומים און מושב־זקנים
— אין לאָקאַל פון האַנדווערקער־קלוב וויטאָלדא 10 —
דער ערשטער טערמין פון דער פערזאַמלונג איז 4 אַזייגער נ. מ. און דער צווייטער טערמין 6 אַז. אונאָבהענגיג פון דער צאָהל אַנוועזענדע.
טאָג אָרדנונג:
1) ערעפנונג, 2) אויסוועהלען אַ פאָרזיצענדען 3) איבערליינען דעם בעריכט פון דער פריהעריגער פערזאַמלונג, 4) קאַסע־בעריכט און בע־ריכט פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, 5) בעשטימען דעם בודזשעט אויף 1938/39, 6) אויסוועהלען א פערוואַלטונג און א רעוויזיאָנס־קאָמיסיע 8) פרייע פאָרשלאָגען.
די פערוואַלטונג.

Gdy na dancyngu, lub balu chcesz szaleć
I chcesz naprawdę być w dobrym humorze
To musisz tylko w gilzach „WAWEL“ palić
Nic ci na humor lepiej nie pomoże

כאַלוועה
„Union“
איז אויסגעאַרבעט פון די בעסטע ארץ־ישראל רוי־שטאָפען אין פאָלגענדע געשמאַקען:
Chałwa wyborowa
„ pomarańczowa
„ grylażowa
„ owocowa
„ kawowa
„ orzechowa
ווי אויך כאַלוועה און שאָקאָלאַד פאַר פיינשמעקערס
Fabryka chałwy
„Union“ Warszawa, Wolska 69

אַראַפּ
ניצט נור די איבעראַל בעקאַנטע באַק־פּראָשקעס, ציקער וואַנילין, אַליי־קעס, פעפער און צימרינג פון דער עלטסטער יודישער פאַבריק
Arap, W-wa Franciszkańska 6 a

ווילט איהר האָבען קלאָרע, וויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי־ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבעריי און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
A. HEMPEL
Centrala **Stare Miasto 7** telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער אַרבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיס. טעל 19-70
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטטא 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59
ביליג צו וואַשען סאָפּעלושען

די „אשת-חיל" וואָס האָט דער'הרג'עט דעם מאַן מיט א האַק.

דער טאַטע מיט דער מאַמע און מיט'ן ברודער האָבען צוגעהאָלפען מיט דרענגער.

אין דאָרף נאָווינקי, דרילדזשער פּאָוויאַט, האָט געוואוינט דער באַהן-וועכטער אַדאַם מראָטשקאָווסקי. ער האָט געלעבט צופרידען מיט זיין ווייב נאַטאַליאַ, און ס'וואָלט צווישען זיי קיינמאָהל קיין בייז נישט געשעהן. האָט זיך אָבער ראַפּטום אָנגעהויבען אריינמישען די מוטער איהרע, אַגניעשקאַ פיגורא, וועלכע האָט כסדר אינטריגירט צווישען פאַר-פאָלק, אָנרעדענדיג די טאָכטער איהרע צו ווערען א גרויס-שטאָטישע מאַדאַם. די אַלטע איז צוגעשטאַנען צו איהר טאָכטער בכן זי אַרבייט צו פיעל אין דער שטוב-ווירטשאַפט, און אַז זי זאָל צונעמען א דינסט.

נאַטאַליאַ האָט געפאָלגט דער מוטער און האָט די פּראָפּאָזיציע פאָרגעשטעלט דעם מאַן. מראָטשקאָווסקי האָט נישט געוואָלט הערען פון דעם און אויף דעם באָדען איז צווישען איהם און זיין פרוי אויסגעבראָכען א מחלוקה, וועלכע האָט זיך שפּעטער געענדיגט מיט געשלעגערייען.

דאָס לעצטע געשלעג איז פאָרגעקומען דעם 16 ליפּיעץ ה. י. אין יענעם טאָג האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין דאָרף א מורא'דיגע טראַגעדיע, דער פינאַל פון וועלכער ס'איז געווען דאָס, וואָס מראָטשקאָווסקי האט בעצאָהלט מיטן לעבען.

מיט העק און דרענגער האָט מען אים צעשמעטערט דעם קאָפּ און מיט א צובראָכענעם שאַרבען איז ער געפאַלען א טויטער אויפן אָרט.

די „איידעלע" מלאכה האָבען אויסגעפיהרט נישט קיין אַנדערע ווי נאַטאַליאַ'ס עלטערען: פעליקס און אַגניעשקאַ פיגורא און דעם ווייב'ס ברודער סטעפאַן. דאָס גאַנצע משפחה'לע איז געקומען צו הילף זייער טאָכטער און שוועסטער נאַטאַליאַ און האָבען זיך געוואָרפען אויף מראָטשקאָווסקי מיט דרענגער. נאַטאַליאַ אַליין האָט געכאַפּט א האַק און דערלאַנגט מיט איהר עסלעכע זעץ דעם מאַן אין קאָפּ.

די גאַנצע משפחה'טע: טאַטע, מאַמע, זוהן, און טאָכטער האָט מען אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה.

דער פרוי פון ערמאָרדעטען, נאַטאַליאַ מראָטשקאָווסקאַ, האָט אין תפיסה ארומגענומען א שטאַרקער געפיהל פון חרטה אויף איהר בעגאַנגענעם מאָרד און פערשידענע וויזיעס פון איהר ערמאָרדעטען מאַן האָבען זי געפּייניגט און נישט געלאָזט רוהען.

פאַר איהרע חבר'טעס אין תפיסה האָט זי דערצעהלט, ווי אזוי איהר משפּחה צוזאַמען מיט איהר האָבען דערהרגעט איהר מאַן, און שפּעטער האָט זי זיך אויפגעהאָנגען אין תפיסה, נישט וואַרטענדיג אויפ'ן פּראָצעס.

אין היגען קרייז-געריכט, וואו די 4 משפּחה-לייט זענען נעכטען געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק, האָבען זיי געטענה'ט, אַז אין אַלץ איז שולדיג זייער טאָכטער נאַטאַליאַ, וועלכע האָט מיט דער האַק ערמאָרדעט איהר מאַן.

א רייהע עדות האָבען אָבער אויך זיי געמאַכט מיט-פעראַנטוואָרטליך אין טראַגישען מאָרד.

מיט אַ שטאַרקע בעשולדיגונג'ס-רעדע איז אַרויסגעטרעטען פּראָקוראָר ליס — אַלשעווסקי.

דאָס געריכט האָט פער'משפּט סטעפאַן און פעליקס פיגורא אויף 3 יאָהר און אַגניעשקאַ פיגורא אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר.

נאָכ'ן אויסלייענען דעם אורטייל זענען טאַטע, מאַמע און זוהן אָבגעפיהרט געוואָרען אין תפיסה אריין. אַר.

א פליה-אַטאַק איבער ראַדאָם — די נאָנטסטע טעג

די בעפעלקערונג ברויך זיך צופּאַסען צו די ענטשפּרעכענדע פאַרשריפטען

אין די נאָהענטסטע טעג וועלען פאָרקומען פליג-איבונגען, וועלכע וועלען מיט זיך פאָרשטעלען א גאַז-אַטאַק איבער ראַדאָם. איבער דער גאַנצער שטאָדט וועלען פליהען מיליטער-אעראָפּלאַנען, וועלכע וועלען אעראָפּלאַנען באָמבעס.

מיר מאַכען אויפמערקזאַם, אַז די ראַדאָמער בעפעלקערונג זאָל זיך צו די איבונגען נישט בעציהען ווי צו א פּערוויילונג. נאָר נעמען זיי ערנסט, און בעגוי זיך צופּאַסען צו די געהעריגע פאַרשריפטען.

ווי אזוי די בעפעלקערונג האָט זיך צו פעררהאַלטען אין די טעג פון די איבונגען וועט ווערען אַרויסגעגעבען ספּעציעלע פּלאַקאַטען, וועלכע וועלען בעקאַנטמאַכען. ווען די איבונגען הייבען זיך אָן. אויך קען מען בעקומען ספּעציעלע בראָשורען, וועלכע לערנען ווי אזוי מען ברויך זיך אויפפיהרען בעת אַזעלכע איבונגען, און גאַז-אַטאַקען.

די ערשטע זאַך איז דאָס ליכט. אזוי ווי די איבונגען וועלען פאָרקומען אין אָוונד, ווי אויך אין דער נאַכט, מוז מען געדענקען ווענען געגצליך אויסלעשען אָדער פערמאַסקירען אַלע ליכט-פּונקטען. פערשטעהט זיך, אַז אויף דעם זענען פערהאַנען פערשידענע אופנים: צו; בעדעקען די פענסטער מיט קאָלדרעס, צי אַנדערע חפצים, אָדער מיט אַזאַ פּאַפּיער, וואָס לאָזט נישט דורך קיין ליכט.

די בלאָקען-קאָמענדאַנטען בעקומען פאַר די איבונגען ספּעציעלע אינסטרוקציעס און די אַלע, וועלכע זענען אונטער זיין קאָמענדע, מוזען איהם זיין געהאָרכזאַם.

קיין געאַגען קענען איז קיין פאַל פאַר די געשעפטען נישט ברענען און מוזען זיין אויסגעלאָשען. די וושאַלוזיעס אין די געשעפטען אַראָפּגעלאָזט. די בעפעלקערונג פון אונזער שטאָדט ברויך אין די גאַז-טעג פערלייכטערען דער געהעריגער מאַכט ביי ערפילען איהרע פליכטען און נישט בעשווערען. עס איז נישט געוואונשען, אַז מענשען זאָלען זיך זאַמלען אין די טויערען, אָדער דרעהען זיך אין גאַס.

אַלע דראָזשקעס און אויטאָס מוזען האָבען פּערדעקט ווייערע לאַמטערען.

איינע פון די הויפּט-זאַכען מוז זיין דאָס אַפּריינוגען די בוידעמ'ס פון לייכט-ברענענדע מאַטעריאַלען.

דאָס בעקלעבען די שויבען מיט פּאַפּיער איז נישט נויטיג.

צו די פאַרשריפטען מוז מען זיך אונבעדינגט צו פּאַסען. ווען נישט, וועט מען בעקומען גרויסע געלד-שטראָפען. ווי אויך אומבעדינגטען אַרעסט. אַר.

פּרישע פּליטים-קינדער

היינטיגען מיטוואָך האָט די באַהן געבראַכט צו אונז פּרישע זיבען פערטריבענע קינדער פון נאַצי-דייטשלאַנד. דאָס מאָל — בלויז יונגלעך אין עלטער פון 5 ביז 15 יאָהר. זייערע נעמען: פעליקס, עדוואַרד און יאָאַכים בערגער; געהאַרד און יאָאַכים לידער; יאָזי בראַנדייס און אַדאָלף לאַנגערמאַן.

א טייל פון זיי זענען ברידערלעך פון די פינף מיידעלעך, וועגען וועלכע מיר שרייבען ווייטער.

די בעגעגעניש צווישען די שוועסטערלעך און ברידערלעך איז געווען ממש א ריהרענדע.

ביים אָבנעמען די קינדער איז אַנוועזענד געווען: פרוי לאַסטמאַן, פרוי ד"ר קאַדישעוויטש, פרוי ד"ר שענדעראָוויטש משה לעסלאַו, פרוי הורוויטש, מרדכי לענגער, קלמן ריכטמאַן און א. מערין.

דער ערשטער טאָפּ פון די קינדער איז געווען דער בית-יתומים, וועלכער האָט צוגעגרייט פאַר זיי א שעהן מיטאָג און בכלל אַ האַרציגע אויפנאַהמע.

אַלע קינדער האָבען ביים עסען אָנגעטהוען קליינע קאַפּעלעך אויף די קעפּ.

אונזער רעדאַקציע האָט אויפ'ן אָרט דעלעגירט די מיטאַרבייטער נתן האַלצמאַן און ראַסמאַן גבריאל ווייסמאַן, וועלכע האָבען זיך מיט די קינדער האַרציג דורכגעשמועסט און געמאַכט זיי א געמיינזאַמע פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמע, וועלכע מיר וועלען ברענגען אינ'ם נאָהנסטען נומער פון אונזער צייטונג.

אינטערעסאַנט, אַז צווישען די פרישע קינדער זענען פערהאַן אַזעלכע, וואָס פערלאַנגען דורכאויס, אַז מען זאָל זיי געבען כשר עסען.

צו דעם צוועק האָט מען זיך אויפ'ן אָרט טעלעפאָניש געווענדעט צו א רייהע היגע רייכע און חסידישע יודען וועלכע האָבען, ליידער, אָפּגעזאָגט.

אַ חרפּה!

• • •

ווי מיר הערען האָבען א סך ראַדאָמער רייכע יודען זיך נישט ווי געהעריג בעטייליגט אין דער פּליטים-אַקציע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבען גאַר ווינציג געגעבען, אָדער אַזעלכע וואָס האָבען סתם יוצא געווען מיט וועלען געבען...

עס וועט אונז נאָך אויסקומען וועגען זיי צו רעדען.

דאַגעגען איז ווערט צו פערצייכענען, אַז דער גרעסטער טייל פון די ביז היינט געזאַמעלטע געלטער, איז איינגעפלאָסען פון די מיטעלער קלאַס, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געגעבען איבער די כוחות זייערע.

די וועש-און מלבושים-אַקציע האָט זיך ביי אונז זייער גוט איינגעגעבען, הגם אויך דאָ וועלען מיר, ביי אַ געלעגענהייט פאַרצייכענען א ריי בליימעלעך.

• • •

די פאָטאָגראַפיע וואָס מיר ברענגען דאָ אין אונזער אויספיהרליכען רעפּאָרטאַזש איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן היגען פאָטאָגראַפישען אַנשטאַלט „סטודיאָ", זשראָמסקי 21 — אָהן שום האָנאָראַר.

אַקושערקע ווערט בעשולדיגט אין אויספיהרען א פערבאָטענע אָפּעראַציע

עהערנעכטען, מיטוואָך, האָט די היגע אַקושערקע יאַנינאַ גלוכאָווא (פון דער היים וואַיטשעכאָווסקאַ) געהאַט א פּראָצעס אין קרייז-געריכט. זי איז בעשולדיגט געוואָרען אין אויספיהרען א פערבאָטענע אָפּעראַציע איבער דעם יונגען מיידעל וויקטאָריאַ גזיעטשאַק, פון פּיאָנקע, וועלכע האָט בעקומען א בלוט-פערגיפטונג און איז קורץ נאָך דער אָפּעראַציע געשטאָרבען.

אין געריכט האָט גלוכאָווא קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז זי הויבט נישט אָן צו וויסען פון אַזאַ אָפּעראַציע. די פערשטאָרבענע גזשעיטשאַק איז ביי איהר קיינמאָהל נישט געווען און זי האָט איהר צומאָלט נישט געקענט.

ס'איז אַרויסגעטרעטען איין עדות מאַריאַננאַ גזשעיטשאַק, וועלכע איז געווען דער איינציגער שטיץ-פּונקט פון דער בעשולדיגונג. דאָס געריכט האָט נישט געהאַט צו איהר קיין צוטרוי און בעפרייט די גלוכאָווא.

שאַכמייסטער מ. ניידאָרף אין ראַדאָם.

קירצליך אָרדענט איין די שאַך-סעקציע ביים ציוניסטישען קלוב טראָוגוטט א 55 א אינטערעסאַנטען שייך-סעאַנס מיט דער בעטייליגונג פון בעוואוסטען שאַך-מייסטער מ. ניידאָרף פון וואַרשאַ.

דער סעאַנס פון ה' ניידאָרף האָט קענטיג אַרויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג אין די ראַדאָמער שאַכיסטען קרייזען, וואָס עס בעווייזט די בעדייטענדע צאָהל אָנמעלדונגען וועגען אָנטייל אין סעאַנס.

גענויערע אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון קלוב פון 10–8 טעגליך.

צווישען טויט און לעבען

דינסטאָג ביינאַכט ווען דער פּאָפּולערער צוג איז צוריק געפאָהרען פון וואַרשא קיין ראַדאָם, האָט פּאַסירט מיט א ראַדאָמער יונגערמאַן אַ פאַל, וואָס האָט זיך שיער נישט געענדיגט מיט אַ קאַטאַסטראָפאַלען רעזולטאַט.

דער ראַדאָמער יונגערמאַן מרדכי גרינצווייג. אַנ'עלעקטראָטעכניק פון זשעראָמסקי 7 זעהענדיג דעם גרויסען עולם אויפ'ן וואַרשאווער פּעראָן, האָט זיך געוואָלט פערזיכערען אַנ'אָרט אין צוג. ער האָט זיך דעריבער צוגעאיילט און געוואָלט אריינשפּרינגען אין וואַגאָן, ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע. ווען ער האָט אַרויפגעשטעלט דעם פיס אויפן אינטערשטען ברעט וואו מען שטייגט איין אין וואַגאָן איז ער אוועקגעשליידערט געוואָרען פון געהענדיגען צוג און ער איז אריין אין טיפען ראָוו דערלעבען. דער צוג איז נאָך אַלץ געגאַנגען און גרינצווייג האָט זיך גערדרעהט אַרום און אַרום, ווי אַ קאַרוזעלע. דאָס איז געווען ס'גאַנצע נס, ווייל ווען ער בלייבט שטעהן אויף איין אָרט, וואָלט ער צעריבען געוואָרן.

די פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיגער „אַטראַקציע", האָבען געמאַכט א געוואַלד, אַז ס'זאָל שטעהן בלייבען דער צוג, וועלכער האָט סיי ווי געהאַלטען זיך ביי אָבשטעלען.

ווען די באַהן איז געשטאַנען האָט מען דעם יונגערמאַן אַרויסגעצויגען פון ראָוו, פון וואַנען מ'האָט שוין בלויז אַרויסגעזעהען דעם קאָפּ.

גרינצווייג איז אַרויס צום גליק מיט גאַנצע ביינער.

אַלץ איז אַרויסגעקומען פון גרויס איילעניש, און פון מורא, אַז ער וועט נישט קענען אריין אין דער באַהן און נישט האָבען קיין אָרט צוליב'ן גרויסן געדראַנג פון ריזיגען עולם.

איצט האָבען איהם שוין מענשען אָבגעגעבען א בריוח'דיקען פּלאַץ צו זיצען, מחמת גרויסער יחסן, וואָס ער איז אַרויס בשלום.

ס'ווייב האָט איהם געשטערט חתונה צו האָבען.

זי איז פּונקט געקומען פאַר דער חופּה.

מיט 3 יאָהר צוריק האָט דער 25-יעהריגער לייבעל ציגעלשטרייך פון זשעראָמסקי 84, חתונה געהאַט מיט רייזעל שעפּסמאַן פון זוואָלין. אַז ס'איז אַוועק א יאָהר נאָך דער חתונה, איז דער שלום-בית געשטערט געוואָרען. צווישען פאַר-פאָלק זענען אויסגעבראָכען פערשידענע קריגערייען און דאָס צוזאַמענלעבען האָט אויפגעהערט צו האַרמאָנירען. די פרוי איז אַהיים געפאָהרען קיין זוואָלין און דער מאַן איז געבליבען וואָהנען אין ראַדאָם.

האָט מען אַזוי געלעבט אין סעפּעראַציע גאַנצע צוויי יאָהר און איינער האָט נישט געוויסט, וואָס ביים צווייטען קומט פאָר. ערשט די טעג האָט די פרוי דערהאַלטען א ידיעה קיין זוואָלין, אַז איהר מאַן קלויבט זיך חתונה צו האָבען מיט אַ צווייטע, מיט אַ געוויסע פּעריל פון דער פּאָקסאַלנאַ.

די פרוי איז תיכף געפאָהרען קיין ראַדאָם און אַרויף צום רב קעסטענבערג מיט א געוואַלד, אַז דער מאַן איהרער געהט חתונה האָבען, אין דער צייט, ווען ער איז שוין א בעווייבטער און איז פערבונדען מיט איהר כדת משה וישראל.

דער רב האָט געשיקט דעם שמש און בעפוילען דעם „חתן", אַז ער זאָל זיך אויפהאַלטען מיט דער חופּה, ווייל ס'איז איהם פערבאָטען חתונה צו האָבען.

פון „מחזיקי-הדת"

(קאָמוניקאַט)

זונטאָג איז אין לאָקאַל פון דער גמינע פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די מחזיקי-הדת. אויפ'ן טאָג-אָרדנונג איז געשטאַנען: וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג א רעוויזיאָנס-קאָמיסיע און אַ שיד'ס-געריכט.

צו דער זיצונג איז געקומען אַ גרעסערער עולם. עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען א פערוואַלטונג אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל:

הרב קעסטענבערג, משה אלעזר בערגער, מאָטעל אייזמאַן, יוסף צעצערסקי, נתן שידלאָווסקי, יעקב שאַפּירער, קלמן ווייסבערג, בעריש ראַפעלד, דוד מענדעל פּעריל, וואָלף גרושקעוויטש.

Do pielęgnacji rąk, ciała oraz prania mydło «Trójka»

קינדער · יודישע פליטים : ראדאם

קרבנות פון אבזדיות און רשעות

איהר זעהט אָט די פינף יונגע צאַרטע מיידעלעך? – דאָס זענען אַרויסגעטריבענע קינדער פונ׳ם נאַצי-גיהנום.

קוקט זיך איין אין זייערע טיפע אויגעלעך, וועט איהר זעהען ווי עס ליגט אין זיי א ים מיט שרעק און אומעט בעהאַלטען.

שרעק – פאַר יענע לייט, וועלכע האָבען זיי, די קינדער אין מיטען דער נאַכט, אין סאַמע בעסטען שלאָף פון די בעטען אַרויסגענומען און געטריבען זיי ווי די אָקסען צו פערשידענע גרעניצען...

אומעט – פאַר אָפגעריסען זיין פון זייערע היימען און דער עיקר – פון זייערע ליבע טאַטע-מאַמע.

בלאַנדזשען טאַקע זייערע בליקען איינ׳ם ווייטען חלל און זייערע יונגינקע ליפעלעך, אויף וועלכע עס טריפט נאָך – קען מען זאָגען – די מאַמעס מילך, שעפּטשען דעם אַזוי ליבען קלאַנג – מאַמאַ...

אָבער – די מאַמעס דאָרטען, אין „עמיגראַנטען-הויז״ אויף מילנע 18 אָדער ערגיץ אַנדערשוואו, שעפּטשען אויך מסתמא כסדר שטיל, שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערען: אילזאַ... מיאַ... מאַרליט... אירמגאַרד... עסטי...

און נישט איינע פון די אומגליקליכע מאַמעס טולי׳ען, מכתמא, אין מיטען דער נאַכט אויף די פרעמדע געלעגער׳ס זייערע ליידיגע הענד צום האַ״צען, מיינענדיג, אַז עס זענען זייערע אילזעס און עסטיס און – בעגיסען זיך מיט הייסע טרעהרען. דאָס איינציגע וואָס אַ מאַמע-האַרץ קען אין אַזאַ אומגליקליכען פאַל טהוען איז... גיסען מיט הייסע קוואַלען טרעהרען...

וואָס דען קען זי, די צעווייטיגטע מאַמע טהוען?

די פינף קינדערלעך וואָס מיר זעהען אויפ׳ן דאָזיגען בילד זענען אָבער נישט די איינציגע, וואָס נאַצי-דייטשלאַנד האָט פערטריבען. אין די טויזענטער זענען זיי.

נעכטען ערשט אַן אייגענע היים געהאַט מיט ליבע טאַטע-מאַמע און היינט – וואַלגערט מען זיך אין דער פרעמד, אָדער מען בלאָנדזשעט אָן אַ וועג אויסקוקענדיג, אַז די, אָדער יענע מלוכה זאָל זיך דערבאַרעמען און געבען אַ מקום-מקלט פאַר די פערוואָגלטע קינדערלעך.

קיין שום באַרבאַריזם, קיין שום שחיטות און פּאָגראָמען האָבען נישט אַזוי אויפגערודערט דעם וועלט-געוויסען ווי דער שטילער אָדער איינגאַנצען שטומער געוויין פון די טויזענדטער יודישע קינדערלעך, וואָס זענען פערטריבען געוואָרען פון זייערע היימען.

דער געוויין זייערער האָט דורכגעלעכערט אפילו די פערשטאָפּטע אויערען פון די קאַלטע אויסגערעכענטע מלוכה-מענער פון פרעמדע מלוכות און האָט, ווייזט אויס, אויך אַריינגעדרינגען אין די שטאָלענע הערצער זייערע.

הערט זיך טאַקע אַז: ענגלאַנד זאָל אַריינלאָזען צו זיך 3000 קינדער; אַמעריקאַ און האָלאַנד – אויך צו עטליכע טויזענד; שוין אָפּגערעדט פון ארץ-ישראל, וואָס האָט איינשטימינג בעשלאָסען אויפצונעמען 5000 קינדער.

ס׳געהט נאָר אין דעם, צי אַלע מלוכות וועלען דערהאַלטען זייערע צוזאָגען...

און ווען מיר דערמאָנען ארץ-ישראל וואָס שטעהט זינט 2 יאָהר אונטער׳ן אַראַבישען טעראָר, איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף די ווערטער, וואָס עס האָט היינטיגע וואָך אַרויסגעזאָגט דער פיהרער פון לינקע „פועלי-ציון״ – זרובבל: „ארץ-ישראל איז איצט מעהר אונטער׳ן איינדרוק פון די פליטים-געשעהענישען, ווי פון די געשעהענישן ביי זיך אין לאַנד״.

אָט, ווי עס האָט אַרומגעכאַפּט דער געוויין פונ׳ם יודישען קינד.

• • •

אין אַלע פיער עקען וועלט ווערען אַזוי אַרום צעזייהט און צעשפּרייט די אַרויסגעטריבענע יודען פון דייטשלאַנד.

אויך צו אונז קיין ראַדאָם האָבען פינף מיידעלעך פון שטעטין דערווייל פערבלאָנדזשעט...

מיר זאָגען דערווייל, ווייל היינט-מאָרגען ריכט מען זיך אויף אַ גרעסערע צאָהל אַזעלכע קינדער. מעגליך, אַז ווי נאָר די דאָזיגע שורות וועלען אָפּגעדרוקט ווערען, וועלען זיי זיך שוין געפינען ביי אונז אין שטאָדט.

ווילען מיר טאַקע דערווייל זיך טיילען מיט אונזערע לעזער מיט די איינדרוקען, וואָס מיר האָבען בעקומען ביים בעזוכען די דערמאָנטע פינף מיידעלעך.

אייגענטליך האָבען כמעט אַלע קינדער צו דערציילען דאָס זעלבע. האָבען דאָך אַלע דורכגעמאַכט די זעלבע טראַגעדיע: בערויבט, רואינירט, געטריבען, געיאָגט, איבערגעלאָזען האָב-און-גוטס אויף הפקר און – געלאָזען זיך אויף גאָט׳ס בעראָט.

יאָ, כמעט די זעלבע טראַגעדיע, מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס איין קינד ווייסט יאָ וואו די עלטערען געפינען זיך און דאָס צווייטע – דאָס אויך נישט; איין קינד איז אָן שום אויסזיכט אויפ׳ן מאָרגען און דאָס צווייטע – מיט אַ ווייט-פער׳חלומ׳טען בליק קיין אַמעריקע...

נאָך אַנ׳אונטערשיד: איז אַ קינד עלטער – ווייסט עס מעהר צו דערציילען... קען עס כאָטש איבערגעבען די שוידערליכע גרויסען און שילדערען די שרעקליכע דורכגעלעבטע בילדער... איז עס אָבער אַ יונגער קינד – פערשפּאָרען מיר עס צו פרעגען, ווייל ערשטענס קען נאָך דאָס יונגע מוח׳עלע נישט גענוי בעגרייפען די אַלע געשעהענישען און צווייטענס – לייענען מיר אַלץ אַרויס פון זייערע אומרואיגע אייגעלעך...

דאָס פיינליכסטע איז אָבער דאָס, וואָס אַ טייל קינדער קענען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פון דער מורא אויסצורעדען אַ וואָרט... דער דאָזיגער פּחד גייט זיי כסדר נאָך. עס דערגייט ביי אַ טייל אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען מורא אין גאַס צו רעדען הויך און פריי. רעדען טאַקע, ס׳רוב פון די פינף מיידעלעך אַזוי שטיל, אַז מען הערט זיי קוים.

נישט פון אַלע זייערע שוידערליכע איבערלעבונגען האָבען מיר זיך דערוויסט, ווייל... מיר האָבען פּשוט נישט געוואָלט פרעגען ביי זיי, כדי די יונגיטשקע מאַרטירער זאָלען נישט דאַרפען נאָך אַמאָל איבערלעבען דעם בייזען קאָשמאַר...

דאָס וואָס מיר האָבען זיך יאָ דערוויסט, האָבען זיי אַליין, נישט געפרעגטערהייט דערציילט. און דערציילט האָבען זיי, פאַרשטייט זיך, די איבערלעבונגען, וואָס האָבען אויף זיי דעם טיפסטען איינדרוק געמאַכט.

אַזוי, צום ביישפּיל, באַקלאָגט זיך פאַר אונז די קליינע מיאַ: „פאַרוואָס האָט מען אונז אַ גאַנצען וועג געטריבען און נישט געלאָזען אָפּרוען אויף קיין איין מינוט און נאָך נאָכגעשטופּט איהר פאָטער, וועלכער איז געווען באַלאָדען מיט עטליכע פּעקלעך?״

ווייזט אויס, אַז דאָס טרייבען די קינדער מיט די גרויסע צוזאַמען אָן אָפּרו, האָט אויף די קליינע מיאַ דעם פיינליכסטען איינדרוק געמאַכט.

אָבער אויך זיי איבעריגע קינדער האָבען צו שטעלען אַ סך, זייער אַ סך פראַגען, וואָס וועלען פאַר זיי ערשט פאַראַנטפערט ווערען, ווען זיי וועלען אונטערוואַקסען און – אַליין אַלץ פאַרשטיין...

די דערמאָנטע מיאַ איז אַן איינציג קינד פון זייער אינטעליגענטע עלטערן, ביי וועמען די קליינע איז געווען – ווי עס גיבען איבער די איבעריגע קינדער – אַן אויג אין קאָפּ.

אמת, אַז יעדעס קינד איז ביי טאַטע-מאַמע אָנגעליבט ביז גאָר, אָבער מיאַ, די קליינע מיאַ מיט די לעבעדיקע שוואַרצע אויגעלעך איז ביי איהרע עלטערן געווען – ווי מען זאָגט – דאָס שוואַרץ-אַפּל פון אויג.

איז טאַקע נישט קיין ווינדער, וואָס די קליינע האָט זיך אַזוי איינגעקלאַמערט אין איהר מוטער און נישט געוואָלט פאָהרען צו אונז קיין ראַדאָם נאָר ערשט ווען די צעבראָכענע מאַמע איהרע האָט מיט פערמאַכטע אויגען און מיט אַ צעווייטיגט מאַמע-האַרץ איהר מיטגעגעבען אין וועג אַריין די בעסטע פריינד איהרע – די ליאַלקע מיט׳ן בער, איז זי, בלית-ברירה–געפאָהרען אין פרעמדען וועג אַריין אָהן טאַטע-מאַמע... האָט זי טאַקע, די קליינע מיאַ, אַ חוץ די וואַרימע האַרציגע בעציהונג פון ד״ר שענדעראָוויטש׳עס סימפּאַטישע פאַמיליע, צוויי פריינד פון שטעטין – די פּופּע מיט׳ן בער, מיט וועלכע זי צעשיידט זיך נישט אפילו אויף דער פאָטאָגראַפיע.

מיאַ איז פון דעם אַלעם ערשעפּט ביז גאָר, אָבער אַ דאַנק די שוין דערמאָנטע ליבע בעציהונג פון ד״ר שענדעראָוויטש׳עס פרוי און קינדער, און דער עיקר: אַ דאַנק ד״ר שענדעראָוויטש׳עס מעדיצינישער אויפזיכט איבער מיאַ׳ן וועט די קליינע, האָפען מיר, בקרוב קומען צו די כוחות.

די זעלבע וואַרימע בעציהונג האָבען מיר בעמערקט ביי דער פרוי ד״ר קאַדישעוויטש צו איהר צאַרטע און קלוגע אירמגאַרד.

מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז ביי דער פרוי קאַדישעוויטש געפינען זיך שוין נישט קיין אייגענע קליינע קינדער און דאָך... בעמיהט זיך די באמת ליבע פרוי צו שאַפען אַ וואַרימע קינדער-אַטמאָספער פאַר דער בע׳טעמ׳טער אירמגאַרד און עס איז איהר, די פרוי קאַדישעוויטש פולשטענדיג געלונגען.

ווען מיר פרעגען ביי אירמגאַרד׳ן ווי זי פילט זיך דאָ, פאַלט זי אַרויף אויף איהר טאַנטעס האַלדז (אַזוי רופט זי דער פרוי קאַדישעוויטש) און זויגט זיך לאַנג איין מיט איהרע יונגע ליפּעלעך... דאַכט זיך, אַז דער ענטפער איז געווען קלאָר.

דאָס זעלבע אויך: פרוי צמח צו איהר בלאַס-פער׳חלומ׳טער עסטי. נישט בלויז וואַרימע בעציהונג האָבען מיר דאָ בעגעגענט ביי פרוי צמח, נאָר עפּעס העכער׳ס – אַ מין וואַכען און צאַפּלען איבער עסטי׳ן ווי איבער איהרע אייגענע פיצעלעך קינדער. קיין שום אונטערשיד האָבען מיר נישט בעמערקט. אַדרבה: זי איז גראַד געווען שטאַרק איבערגענומען פאַרוואָס עסטי האָט יענעם אָווענד קיין אַפּעטיט נישט געהאַט...

נישט ווינציגער פיעטעט און גוטע אַטמאָספערע האָבען מיר צו פאַרצייכענען צו אירמגאַרדס שוועסטערל, מאַרליט, וועלכע געפינט זיך ביי אַן אינטיליגענטער פאַמיליע. מיר גיבען נישט אָן דעם נאָמען פון דער דאָזיגער פאַמיליע אויף דייער אויסשליסליכען פאַרלאַנג. (פאַרוואָס?...)

דעם לעצטען וויזיט האָבען מיר אָנגעשטאַט ביי דער פאַמיליע לעסלאַו, וועמען מיר האָבען אָבער צופעליג נישט געטראָפען אין דער היים. האָבען מיר געכאַפּט אַ שמועס מיט דער קליינער, בע׳חנ׳טער אילזאַ, וועלכע האָט זיך גראַד געשפּיעלט מיט פרוי לעסלאַוס זינדל, וואָס איז אין איין עלטער מיט אילזאַ. אמת, אַז דער קליינער לעסלאַו קען נישט קיין איין וואָרט דייטש און די קליינע אילזאַ – קיין איין וואָרט פּויליש, דאָך פאַרשטענדיגען זיך די קינדער צווישען זיך און שפּילען זיך ווי שוועסטער און ברודער.

אָט אַזוי לעבען זיך די פינף פאַרטריבענע מיידעלעך אין זייערע נייע היימען.

צום סוף איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז אַלע דערמאָנטע פרויען פילען זיך גליקליך, וואָס מען האָט זיי אָנגעטרויט די הייליגע מיסיע פון געבען אַ היים די דאָזיגע אומגליקליכע ליבע קינדער אַזוי לאַנג, – ביז וואַנען זיי וועלען צוריק קענען זיין צוזאַמען מיט זייערע ליבע טאַטע-מאַמע.

גבריאל ווייסמאַן.

עס זיצען פון רעכטס: מאַרליט בערגער, מיאַ בראַנדווין מיט איהר פּופּע און בער און – עסטי בראַנדאייס. עס שטייען פון רעכטס: אילזאַ לידער און אירמגאַרד בערגער.

פינף קינדער...

פינף יונגינקע קינדער, פינף צאַרטע נשמה׳לעך, פינף „זאַכלעכע-באַווייזען״ פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס הייסט: אַרויסגעטריבענע.

ביז נישט לאַנג צוריק, האָבען די קינדער געהאַט טאַטע-מאַמע, געשוויסטער, נאָנטע פריינט און אַ היים.

איז געקומען די בעסטיע און מיט ברוטאַלע לאַפּעס צעשמעטערט די היימען געפלינדערט און פאַרוויסט, פאַריאָגט און פאַרטריבען.

היינט וואַלגערן זיך די עלטערען אין פרעמדע שטאָלען מיט צעווייטיגטע לייבער און צעריסענע הערצער. זייערע קינדער – דאָס טייערסטע, וואָס טאַטע-מאַמע פאַרמאָגט – זענען צעזייט און צעשפּרייט.

עלטערען ווייסן נישט צי זיי וועלען נאָך זייערע קינדער זעען און די קינדער – זייערע עלטערען.

עוללים הלכו שבי...

יונגינקע קינדער זענען געוואָרען אָפּגעריסען פון זייערע משפּחות און פאַרוואָרפען געוואָרען העט ווייט... ווייט...

אויך צו אינז זענען פאַרוואָרפען געוואָרען פינף אַרויסגעטריבענע קינדער, אין עלטער פון 8–10 יאָהר. פינף מיידעלעך פון ווייטן שטעטין.

האָבען מיר געהאַלטען פאַר אונזער חוב אויפצוזוכען די דאָזיגע קינדער און באַקענען זיך מיט זייערע נייע היימען.

אין איינעם אָן אָווענט זענען מיר זאַלבע דריט געגאַנגען פון היים-צו-היים און געשלאָסען קאָנטשאַפט מיט די יונגסטע נע-ונד׳ניקעס.

פאַר אונזערע אויגען, האָבען מיר געזעהען פיר בעחנ׳טע בלאָנדע מיידעלעך און איינס אַ ברונעט „סעמיטקעלע״ מיט סאַמעט-שוואַרצע אויגען.

מיט די גרעסטע פאַרזיכטיגקייט האָבען מיר זיך דורכגעשמועסט מיט זיי און געווען אַנטציקט פון זייער חכמה און וואוילקייט.

זיי ווייסען, אַז זיי זענען יודישע קינדער פּונקט ווי אונזערע קינדער ווייסען עס – ממש, ווי אונזערע... נישט מעהר: אונזערע זענען נאָך, צום גליק, מיט אונז צוזאַמען און זיי מוזען שוין, צום גרויסען בעדויערען און ווייטיק, אַליין, אָן טאַטע-מאַמע אָפּריכטען גלות...

• • •

די פינף קינדער געפונען זיך ביי: צוויי דאָקטוירים, ביי צוויי אינדוסטריעלער און ביי איין אינזשיניער.

אַ האַרציגע באַציונג צו דעם פערבלאָנדזשעטען טייבעלע, צו דער שיינינקער בלאָנדער אירמגאַרד האָבען מיר געטראָפען ביי די פרוי ד״ר קאַדישעוויטש. דאָס קינד טוליעט זיך צו פרוי קאַדישעוויטש, ווי צו אַן אייגענע מוטער און ס׳באַקומט צוריק מוטערליכע צערטלעכקייטען.

הלואי, וואָלטען געוויסע „וואוילטעטיגע-דאַמען״ און פאַניס פון די „בעסערע ספערען״ באַציגען זיך מיט אַזאַ ערנסטקייט און געווידמעט זיך דער אַקציע אין אַזאַ מאָס, ווי עס טוט עס פרוי קאַדישעוויטש.

היינט איז נישט גענוג בלויז צו זיצען אויפן פּרעזעס-בענקעל; היינט מוז מען טון. – מעשים דאַרף מען היינט!..

אַ זעהר גוטען איינדרוק האָט אויף אונז געמאַכט די פרוי צמח. מיט נאַטירליכע פּשטות און מילדקייט טראָגט זי דעם עול, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען.

עס שטערט איהר גאָר נישט דאָס, וואָס זי האָט אַליין פיצעלעך קינדער. די פרוי צמח ערפילט איהר חוב ווירדיק און אָן פּרעטענזיעס צו עמיצען...

דאָס קליינע סימפּאַטישע „סעמיטקעלע״ געפינט זיך ביים דאָקטאָר שענדעראָוויטש. אויב דעם קינד איז דאָ גוט, דאַרף קיין וואונדער נישט זיין. – רעדט דאָך שטענדיג דער ד״ר שענדעראָוויטש וועגען צרות ישראל, מוז מען דאָך אַמאָהל אויך טהוען פאַר ישראל.

אונזער באַזוך ביים ה׳ אינזש. מ. (מיר טון אים צוליב און גיבען נישט אויף דעם פולען נאָמען) האָט לכתחילת אָנגעטראָפען אויף אַ שטיקעל ווידערשטאַנד. צי אויס מורא, אַז דער טאַטע פון געמען צו זיך אַ קינד קען אים קאָמפּראָמיטירען אין „יענע קרייזען״, צי אויס גרינגשעצונג צו נישט עלעגאַנט - געקליידעטע יודישע פּרעסע-פאָרשטייער – האָט אונז דער ה׳ אינזשיניער קאַלט אויפגענומען און אָוועקגעלייגט אַ לעקציע פּעדאַגאָגיג, וועלענדיג באַווייזען, אַז נאָר ער אַליין האָט אַ דעה איבער׳ן אומגליקליכען קינד.

מיר האָבען אויפן אָרט איבערצייגט דעם ה׳ אינזשיניער, אַז ער איז נישט גערעכט און... די זאַך איז שוין שפּעטער געגאַנגען גלאַטיג.

ביים ה׳ אינזשיניער געפינט זיך אירמגאַרדס שוועסטערל, וועלכער פילט זיך דאָ גאַנץ גוט. מן-הסתם האָט מען געוואוסט וועמען מען טרויט אָפּ אַ פרעמד קינד, און צו דער אינטעליגענטער פרוי פונם ה׳ אינזשיניער קען מען געוויס האָבען צוטרוי...

ביים ה׳ לעסלאַו האָבען מיר געטראָפען אין דער היים בלויז דאָס מיידעלע אילזאַ, וועלכע שפּירט זיך – צוגלייך ווי די איבעריגע קינדער – גאַנץ נישקשה׳דיק.

נאָך די באַזוכען, האָבען מיר באַשלאָסען די קינדער אָפּצופאָטאָגראַפירען.

זאָלען כאָטש פון דער ווייטענס די מוטערס קענען אַ בליק טון אויף זייערע איינציג פאַרבליבענע אוצרות...

נ. האַלצמאַן.

מאיר הערץ.

די ציגיינערישע חתונה.

א פאלקס-מעשה'לע

(סוף)

— דיין קינד לעבט, דו וועסט עס געפינען — האט ר' ישראל'טשע געזאגט.

—זאגט מיר, צדיק, וואו געפינט זיך מיין קינד? ווען וועל איך איהם זעהן?

— האט זיך דער כראביע צעוויינט.

— אַ, דאס נישט. ווארט א ווײלע — האט זיך דער רוזשינער אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און געקוקט אין פענסטער אריין. — צוערשט בעפריי די יודען מיט'ן רב פון תפיסה, דערנאך וועט מען רעדען!

— שוין, איך בעפריי זיי באלד, ווי נאר איך קום אהיים, — האט דער כראביע אזש אויפגעציטערט.

— צעהן יאהר מוזטו ווארטען, ביז דו וועסט צוריק זעהן דיין קינד. דאס איז דיין שטראף פאר לאזען פייניגען אומשולדיגע יודען. ערשט אין צעהן יאהר ארום קום צו מיר, וועל איך דיר זאגען, וואו דיין קינד געפינט זיך.

— איך וועל ווארטען. אבער זאג מיר, הייליגער מאן, וועל איך נאך זוכה-זיין איהם צו זעהן? - האט דער כראביע קוים געקאנט רעדען. עס האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאהן פאר אימה.

— איך פערזיכער דיר — האט דער רוזשינער גערעדט מיט א שטאלצען טאן, ווי מען גיט ארויס א בעפעהל.

די געפאנגענע יודען ווערען ארויסגעלאזט פון תפיסה, דאס שטעדטעל אטעמט-אב און לעבט רוהיגער. דער כראביע ווערט עלטער. ער איז שוין אין דער טיפער זקנה. ער געהט שוין קוים אויף די פיס. די איינציגע האפנונג, אז ער וועט נאך די זכיה-האבען צו זעהן זיין קינד, זיין איינציגען יורש, דערהאלט איהם ביים לעבען. ווען נישט דאס — ווער ווייסט, צי ער וואלט שוין געלעבט. —

ווען ס'האט געשלאגען די לעצטע שעה, ווען ס'זענען אריבער די צעהן יאהר, האט מען דעם אלטען כראביע אויפגעזעצט אויף א קאטש און מ'איז מיט איהם געפאהרען קיין רוזשין. ווי נור די קאטש איז געבליבען שטעהן פאר'ן רוזשינער'ס הויז, און נאך איידער מ'האט בעוויזען אראבצוטראגען דעם כראביע, וועלכער האט שוין נישט געהאט קיין כח צו געהן, איז איהם אנטקעגעגענגעגאנגען דער רוזשינער אליין, וועלכער האט נישט געלאזט דעם אלטען ריהרען פון ארט און האט שמייכלענדיג אויסגערופען:

— יא, ביזט גערעכט, ס'שטימט. די צעהן יאהר זענען שוין אוועק, דיין חוב איז קוראנט. פאהר גלייך פון דאנען כך-וכך מיילען און שטעל זיך אב אין דעם און דעם וואלד. נעם מיט א סך געלד, וואלסט אויסקויפען דיין קינד און זאלסט נישט פיהרען קיין מלחמה מיט יענע, וואס האבען דיין קינד געפאנגען. נאך א זאך: נעם-מיט די אלע בעדינער דיינע און די אלע חברים פון דיין קינד, וואס זענען מיט איהם מיטגעריסען אין שטעדטעל אין יענעם בלוטיגען זונטאג.

אבזאגענדיג די ווערטער, האט דער רוזשינער דערלאנגט דעם אלטען א מטבע אויף צו געבען זי אנ'אלטען פויער, וואס וועט אנווייזען אויף זיין קינד, וועלכער איז שוין איצט א דערוואקסענער.

און די קאטש האט געריהרט אין וועג אריין.

דער כראביע האט אלץ געפאלגט און איז געפאהרען אין דעם אנגעוויזענעם וועג אכט טעג און אכט נעכט. מיטאמאל דערזעהט ער א גרויסען געדיכטען וואלד. ס'איז גראד פארנאכטליך און שטורקאצען בעלויכטען דעם פינסטער-בעשאטענטען וואלד. ווען די קאטש פאהרט צו נעהנטער, זעהט מען א גרויסען ציגיינערישען לאגער. דער גאנצער וואלד איז אויסגעשטעלט מיט ביידלעך, געצעלטען און אויף א גרויסען ברייטען פלאץ אין מיטען וואלד זענען פערזאמעלט טויזענדטער ציגיינער מיט זייערע פרויען, טעכטער און זיהן. אלע געהען אנגעטהון אין ליסער גאלד מיט ברילאנטען, וואס בלישטשען, ווי אויסגעשטערנטע הימלען. אלע טראגען פערשידענפארביגע הערליכע קליידער. די אלטע לייט האלטען שטורקאצען און און דאס יונגוואַרג, די ציגיינערישע יונגלעך און מיידלעך, לאזען זיך אין שטורמישע טענץ, וואס ווערען בעגלייט פון הארציגע ציגיינערישע מוזיק. די פויקען, טאצען, פייפעלעך און הארמאניקעס, אויסגעמישט מיט לוסטיגע געזאנגען, הילכען ווייט און ברייט. און צוזאמען מיט די צעפלאקערטע טענץ, מאכט עס אויפציטערען דעם וואלד.

פלוצלינג בעווייזען זיך פון א צווייטען עק וואלד צעהן חופות, געשטיקט פון גינגאלד און יעדע חופה ווערט געפיהרט פון צוויי מיידלעך און צוויי יונגלעך. יעדע חופה ווערט בעגלייט דורך אנ'ארקעסטער און אלע צעהן חופות שניידען-זיך-אריין אין דעם גרויסען זודיגען טאנץ אויפ'ן ברייטען פלאץ. דא ווערט ערשט דער טאנץ שטארקער. טויזענדטער ציגיינער און ציגיינערינ'ס שליסען די הענד אין א קייט און טאנצען ארום די חופות, וואס שטעהען אין מיטען ראד. ווילדע אויסגעשרייען, אויסגעמישט מיט דער מוזיק פון אלע ארקעסטער'ס מיט די געזאנגען און טענץ פלעכטען-זיך צונויף און די בלישטשענדיגע רעגעגבויגענ'ס פון די גאלדענע און זילבערנע קליידער שפרינגען-מיט אין טאנץ, מאכען ליכטיג דעם וואלד און צינדען-אן אלע בוימער אין קאלירענדע פייערלעך. פון גרויס התלהבות קלעטערען-ארויף א סך ציגיינער אויף די הויכע בוימער, ביז צו די שפיצען און פון דארט שפרינגען זיי אריין גלייך אין ראד אריין. דער טאג צעברויזט זיך און די מוזיק שאלט און עס דאכט זיך, אז אלע בוימער טאנצען.

וואס קומט דא פאר?

דער ציגיינער-לאגער פראוועט היינט מיט-אמאל צעהן חתונות. אין דעם גאנצען געוויש און געפילדער פאהרט אריין אין מיטען טאנץ-ראד א בויד בעצירט מיט גאלדענע בענדער. אין דער בויד, וואס געהט געשפאנט אין צעהן פאר פערד, זיצט די „מאטקע" פון די ציגיינער'ס. א גרייז-גרויע אלטיטשקע. זי געהט בעדעקט דאס פנים מיט א סאמעט-בעגילטער טוך. זי איז די עלטסטע פון גאנצען ציגיינערישען לאגער און זי פאהרט איצט געבען איהר ברכה די צעהן יונגע פארלעך, איידער זיי געהען צו דער חופה.

צוערשט פאהרט-צו די בויד צו דער ערשטער חופה. דארט שטעהט א הערליך-געבויטער, שלאנקער יונגער בחור מיט א העל פנים. ער שטעהט געארעמט מיט א שענער יונגער שווארצער ציגיינערין.

בעת דער גאנצער צערעמאניע שטעהט די קאטש פונ'ם כראביע פונדערווייטענס און דער כראביע מיט אלע זיינע בעדינער קוקען זיך צו צום פייערליכען חתונה-טומעל און ווערען מיטגעריסען פון דער שטורמישער פרייד וואס ארום. זייערע אויגען קאנען זיך נישט אברייסען און ווערען צוגעשמידט צום וואונדערבארען בילד.

איידער די אלטע ציגיינערין הויבט-אן איהר ברכה, טהוט זי א מאך מיט דער האנד אלס צייכען, עס זאל שטיל ווערען. ווערט תוך-כדי-דבור שטיל. די מוזיק, די טענץ, דאס געזאנג — אלץ ווערט פערשטימט און די אלטיטשקע רופט זיך אן:

— טייערע קינדערלעך מיינע! איידער איך זאג מיין ברכה, וויל איך אייך מודיע זיין, אז מיר האבען געסט אין וואלד. פון גרויס שמחה און בעגייסטערונג האט איהר זיי נישט בעמערקט. זיי שטעהען דא נישט ווייט פון אונז. בעט זיי אהער און זאלען זיי זיך אויך פרעהען אויף אונזער שמחה.

טויזענדטער ציגיינערישע אויגען הויבען-אן צו זוכען אין די עקען וואלד. אבער איידער וואס-ווען, שפרינגט-ארויס פון מיטען דער גרויסער מחנה ציגיינער אנ'אלטער פויער, לויפט-צו צום כראביע'ס קאטש און, איבער'ן גאנצען וועג לויפענדיג, שרייט ער:

— פאניע כראביע, קומט דא אהער!

— איהר זענט פערבעטען אויף דער חתונה! שנעל! שנעל! איילט מיט אייער קאטש אהער!

די קאטש האט זיך דערנעהנטערט צו די חופות און זיך אבגעשטעלט ביי דער ערשטער. די אלטע ציגיינערין האט אבגעדעקט איהר דעק-טוך פון פנים און זיך טיף איינגעקוקט אין פנים פון אלטען כראביע. דא האט זיך דער פויער שטארק צעלאכט און אויסגערופען:

— פאניע כראביע, דער חתן איז דאך דיין זוהן. קוק זיך גוט איין אין איהם!

דא האט דער כראביע זיך דערמאנט אן רוזשינער'ס מטבע און עס דערלאנגט דעם אלטען פויער, וועלכער איז תיכף פערשוואונדען.

דער כראביע מיט זיינע בעדינער האבען גלייך דערקענט דעם ערשטען חתן, אז ער איז עס דאס פערלוירענע קינד, און די אלטע ציגיינערין האט גענומען דערצעהלען, ווי אזוי די ציגיינער האבען איהם איבערגענומען פון זעלבען אלטען פויער, וואס איז נאר וואס דא געווען.

פאר א סך געלד האט דער כראביע אויסגעקויפט זיין זוהן פון די ציגיינער, און ווען ער האט מיט זיין זוהן און די בעדינער גענומען דעם וועג אהיים, איז זיי אויפ'ן וועג אנטקעגענגעקומען דער אלטער פויער, וואס האט אבגעשטעלט די קאטש און מיט א געלעכטער זיך אנגערופען:

— א נו, ברידער, איהר דערקענט מיך? — האט ער זיך געווענדעט צו די בעדינער —איהר געדענקט יענעם זונטאג אין יודישען שטעדטעל, ווען איהר האט בעהאלטען דעם כראביע'ס קינד, איהם צעבלוטיגט און איך האב דעמאלט אייך מוסר געזאגט, ביז איהר האט זיך בעזינט און ענדליך אויפגעהערט צו שלאגען און פייניגען די יודען? —

— יא, מיר געדענקען... מיר דערמאהנען זיך...

— דאס בין איך געווען, — האט געזאגט דער אלטער פויער, — איך, אליהו דער יודישער בעשיצער...

ביי די ווערטער האט אליהו הנביא שטיל א לאך-געטהון און איז תיכף פערשוואונדען...

י. ב. שטריימאן

י. ב. שטריימאן.

נאוועמבער

נאוועמבער עס פאלען די בלעטער
אזוי ווי א רעגן פון דערהייך,
נעפלדיק טריב איז דאס וועטער
כמארנע, פארוואלקנט און בלייך.

פון א ווייטען פלאנעט איז געקומען
צו פליען דער שטורמישער ווינט,
ער נעמט אזוי יאמערלעך ברומען
און וויינט — א צעבאלעוועט קינד.

עס הענגט א שניי אין דער לופטען
כ'פיל ווי ער רונצלט מיין הויט,
דער קעלער מיט עפל נעמט דופטען
און דער שייער — מיט היי-יאריק ברויט.

כ'גיי מיט מיין פערדל אין אקער
ס'פערדל מיינס פילט זיך שוין מיד,
א פירל מיט האלץ פירט א העקער
און זינגט זיך דערביי אזא ליד:

אוי-דאנא, אוי-דאנא, אוי-דאנא
נישטא קיין קארטאפעל און ברויט,
שלינג איך דעם ווינט באלד ז'ראנא
ווי א שיסל מיט ווארעמען קרויט.

אוי-דאנא, אוי-דאנא, אוי-דאנא
ס'ווייב ליגט א קראנקע אין בעט,
קיין מילך איז אין שטוב נישט פארהאנען
דער פויגעל אין לופט — ער שפעט.

וואס שפעטסטו פון מיר א דו פויגל
און לאכסט פון מיין הולך, מיין גאנג,
ווי דו כ'האב נישט מעהר ווי א צווייגל
ווי דו כ'האב נישט מעהר ווי ס'געזאנג.

איז דער בוים שוין געל געווארען.

איז דער בוים שוין געל געווארען
געל ווי ס'איז א מייער,
גייט די זון אראפ פון גארען
גייט זי פאר א צווייער.

גייט די זון אראפ פון גארען
גייט זי פאר א דרייער,
פאלט זי גאר אריין אין קארען
און פאלט ארויס פון שייער.

היי דו הארבסט דו זאטער, זאטער
מיט דיין פעטען בייכעל,
ווער עס האט געזייעט מיט מאטער —
זאמעלט מיט א שמייכעל.

אנגעזאמעלט — צוגעשניטן
צוגעפרעסט — געמאסטען,
איצטער זאל עס גאט נאר היטען
פאר שריפות און פאר ראסטען.

און די קו קיין עין-הרע
וועט זיך באלד אפקאלבען,
וועט פריילעך זיין אין דער אבארע
ווי זומער מיט די שוואלבען.

וועט ווארעם זיין אין דער אבארע
פון שטרוי וואס איך בעט אונטער,
ווי דאס פערד אין היי זיך טארען
ביז א שטיק נאך ווינטער.

איך בין זיי מקנא!..

ווייי-געשריי פון א ראדאמער היימלאזען

פון י. אבערזשאנעק

יודען, האט רחמנות אויף א היימלאזען! יודען בני רחמנים אפשר ווייסט איהר. וואו איך קען באקומען א מיטאג, א ביסעל געקעכץ, כ'זאל מיר מיינע געפרוירענע גלידער דערווארעמען?

יודען בני רחמנים, שאפט פאר מיר א ריין העמד, א פאר גאנצע שקארפעטקעס, א ווארעם לייבעל — האט רחמנות אויף א היימלאזען.

איהר מיינט, אז איך קום פון דייטשלאנד? פון בערלין. פון! קעלן, צי פון דרעזדען? אך ווי פאלט איהר דאס אויס? כ'האב נאך דייטשלאנד פאר מיינע אויגען נישט געזעהן. כ'קום איצט נישט פון בערלין, נישט פון קעלן, נישט פון דרעזדען. און דאך בין איך היימלאז.

איהר מיינט אפשר, אז איך האב נישט קיין היים? אך, ווי פאלט איהר דאס אויס? כ'האב א אהיים און א שיינע היים, א שיינע וואוינונג, א ווארעמע וואוינונג, א ליכטיגע וואוינונג, און דאך, און דאך בין איך א היימלאזער, דאך זוך איך א מיטעל. אביסעל ווארעם געקעכץ, א ריין העמד, א פאר גאנצע שקארפעטקעס.

און ווייסט איהר ווער ס'איז אין דעם שולדיג? ער, עמלק, ימח שמו וזכרו! זייט ס'זענען אנגעקומען די היימלאזע פון דייטשלאנד, בין איך געווארען א היימלאזער.

פאראוואס?

ווייל מיין יודענע איז געווארען א כלל-טוערין, א פארזארגערין, א זאמלערין. גאנצע טעג לויפט זי ארום.

און מיינט איהר, אז בלויז זי אליין לויפט ארום פון איין אינסטיטוציע אין דער אנדערער? אלע זענען זיי איצט געווארען כלל-טוערינס, פארזארגערינס. אויס פאקער, אויס רעמי, אויס דזשאקער אויס קלוב, אויס פשיביטניעווסקי, אויס „פייף", אויס דאנסינג, אויס פליאטקעס, זיי האבען איצט אן אנדערע ארבייט — „פאשעדזעניעס"!...

יעדען טאג האבען זיי אנדערע פאשעדזעניעס, זעבראניעס און נאראדעס — און איך בין אויף גרויסע צרות. איך דריי מיך ארום איינער אליין אין די שטיבען. נישט מ'קאכט א מיטאג, נישט פריהשטיק, נישט קיין וויעטשערע. די קוך איז אייז-קאלט. איך שלינג שפייעכץ, כ'גיי אויס פון הונגער, כ'בין געפרווירען פון קעלט, כ'דריי מיך ארום ווי א שאטען אויף דער וואנט, נישטא צו ווערמען א ווארט אויסצורעדען. נישט מען קאכט, נישט מען רוימט, נישט מען נייט צו א קנעפעל צו א העמד, א בענדעל צו די גאטקעס, נישט מען פארצערעוועט א שקארפעטקע. שפעט ביינאכט קומט זי אהיים טויט. מיד פאלט זי אין בעט אריין אין אנגעטועכץ. פארטאג כאפט זי זיך אויף, רעדט קיין ווארט נישט, קארבירט זיך די האר, מאכט זיך צורעכט די לאטשקעס, גיט א שמיר איבער די ליפען מיט דער פאמאדקע, קאלכט אפ דאס נעזעל, כאפט די סאקעוועקע און לויפט.

פרעג איך זי:

— נעכעלע, וואס איז ס'געלויף? וואס? טרינק כאטש א גלאז טיי איידער דו לאזט דיך אין וועג אריין?

— נישטא קיין צייט, — ענטפערט זי, און איידער וואס ווען איז זי שוין אויף יענער זייט.

או-חא, באמת א שיינע זאך פון אזעלכע ווייבלעך. ווי זיי נעמען זיך עס איבער מיט דער לאגע פון אומגליקליכע

— אזוי האב איך מיר געטראכט זעהענדיג ווי מיין יודענע איז זיך מוסר נפש פאר די היימלאזע. איך בין נייגעריג צי אנדערע ווייבלעך נעמען זיך אויך אזוי איבער ווי מיינע. מ'דארף א קוק טון אין שטעטעל אריין. דעם ערשטען באזוך האב איך געמאכט אין דער זביארניע פון די ראדאמער „בעסערע" ווייבלעך צו פשיביטניעווסקי, וואו ס'קומט זיך צוזאמען די „לעפשע טאווזשיסטווא".

העז וואס איז דאס? איצט, פארמיטאג אין די בעסטע מיטעל-שעה ליידיגן די קעלנערס געניצען, די בופעטאוויעס דרימלען, וואס איז דאס?

פרעג איך א קעלנער:

— פאניע צא טא זנאטשי?

— בא יא וויעם — האט דער קעלנער געענטפערט — קאביטקי סטרעיקאיאן טשי צא?

בין איך אוועק אין דער „זביארניע" פון די ראדאמער „לעפשע פאניענקעס" —

צו דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון בית-יתומים און מושב זקנים.

גאַנץ פערשידען אינטערפּרעטירען מענשען די בעדייטונג און אויפגאַבען פון אַן אַלגעמיינער פערזאַמלונג.

א גרויסער טייל בעטראַכט זי אלס שאַבלאָן-אַרטיגע טעטיגקייט, און דער בעסטער בעווייז איז דער טאָג-אָרדנונג, וועלכער איז שטענדיג — מיט קליינע אויסנאַמען — דערזעלבער.

אַ טייל מענשען זאָגען און בעהויפּטען, אַז ס'איז א פערזאַמלונג, אויף וועלכע עס קומען מענשען, וועלכע וועהלען און זוכען בענקלעך.

איך וועל מיר אָבער ערלויבען צו זאָגען, אַז אַן אַלגעמיינע - פערזאַמלונג איז א מין ווירטשאַפטליכער, אָדער הומאַניטאַריש - פילאַנטראָפּישער חשבון-הנפש, אָבהענגיג פון דער נשמה, אָדער פון די ציעלען און אויפגאַבען, פון דער אינסטיטוציע, וואָס רופט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג.

א רעליגיעזער יוד וואָס מאַכט זיך איינמאָל אין יאָהר א חשבון הנפש, קוקט אַריין אין די פערגאַנגענהייט, בעדויערט די זינד און געמאַכטע פעהלערען, און נעמט אָן אַ נייע רעליגיעזען שטעלונג פאַר דער צוקונפט, אָדער פאַר זיינע מעשים.

אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג אַנאַליזירט און זופּט אָדורך די פריהערדיגע טעטיגקייט, בעלייכט די געמאַכטע פעהלערען, כדי זיי נישט מעהר צו מאַכען, אין די טעטיגקייט צו פערפאָלקאָמען און אויסצובעסערען.

דעם 4-טען דעצעמבער וועט דער בית-יתומים און מושב זקנים האָבען אַ יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג, און געוויס אויך אָדורכקוקען זיין פריערדיגע טעטיגקייט. און וועהלען, אָדער פּלאַנען א וועג פאַר דער צוקונפט.

ווי איך גלויב וועט מען נישט נעמען אין בעטראַכט די געפירטע פּאָלעמיק. יודען לעבען איבער טראַגיש - שווערע מאָמענטען, און מיר דאַרפען די פערזאַמלונג פון דער ריהמפולער און בעדייטענדער אינסטיטוציע אָדורכפיהרען אין רוהע און איבערלעגונג.

מיר מוזען נעמען אין בעטראַכט. אז די אַלגעמיינע בערזאַמלונג פון ב. י. א. מ. ז. האָט א גאַנץ בעזונדערען און אפשר אויסנאַהמס - כאַראַקטער. ווייל אויף אַלע אנדערע זענען די פעראינטערעסירטע אַנוועזענד און נעמען א וואָרט, דאַגעגען אויף דער פערזאַמלונג, וועלען די זקנים און קינדער נישט זיין אַנוועזענד, טראָץ דעם, וואָס דאָ וועלען זיין בעשלוסען, וואָס דעצידירען איבער זייער גורל און צוקונפט.

אויף דער פערזאַמלונג וועלען באַהאַנדעלט ווערן לעבענס - פראַגען פון ערך 120. מיטעללאזע, הילפלאָזע און אונבעהאָלפענע זקנים און קינדער.

זיי זיצען אין דעם הויז הינטער, אָדער נישט ווייט פון דער שטאָט, און מיט דער גרעסטער האָפנונג קוקען זיי אויף די מענשען וואס האָבען א האַרץ און פערשטענדניס פאַר זייערע ליידען און נויטען.

מיטגלידער פון ב. י. א. מ. ז. רחמנים בני רחמנים גיבט אייך אָן רעכענשאַפט איבער דער בעדייטונג פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון אַן אינסטיטוציע וואָס האָט ערך 120 יודישע נפשות יונגע און אַלטע, צו ערציען; קומט אויף דער פערזאַמלונג, און וועהלט א פערוואַלטונג, וועלכער מען זאָל קענען אָהן זאָרג איבערגעבען דעם טייערען גורל און ענטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע.

זאָגט נישט זכה שמלכתו נעשה על ידי אחרים. קומט אַליין, הערט אויס די בעריכטען. כדי איהר זאָלט קענען וועהלען מענשען, וואָס זענען א גאַראַנטיע און דער ב. י. א. מ. ז. וועט ווייטער בליען און זיך ענטוויקלען און ערפילען די פליכטען וואס ליגען לגבי די אונגליקליכע צעבראָכענע און ליידענדע זקנים און קינדער, וועלכע זענען דורך דעם שווערען גורל געשטויסען געוואָרען אין דעם הויז אַריין, וואָס הייסט בית יתומים און מושב זקנים.

אהרן מערין.

• • •

פון רעדאַקציע.

נאָכדעם ווי אַרום דעם בית-יתומים און מושב זקנים טומעלט זיך לעצטענס אַזוי שטאַרק מיט פערשידענע פאָרוואורפען, אריינזאָגעכצער און אויפדעקעכצער — האָט מען געקענט דערוואַרטען א פּאָר מעהר ערנסטע און וואָגיקע ווערטער פון ה' מערין.

אַזוי אָבער ווי ה' מערין האָט קיין שום נייעס און קיין שום אויפקלערונג אין דעם זין נישט געבראַכט אין זיין אַרטיקל — גלויבען מיר פונדעסטוועגען, אַז די אַלע פאָרגעוואָרפענע און בארירטע ענינים וועלען גענומען ווערען אויפן טיש פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט אַלץ באטראַכטען און אויפקלערען, כדי צו קענען צוטרעטען צו א ברייטער, אינטענסיווער ארבעט לטובת די דערמאָנטע אינסטיטוציעס.

א פאַרוואַלטונג, וועלכע אינטערליגט נישט דעם מינדעסטען חשד, האָט שאַנסען אויף גרויס דערפאָלג.

דאַרפען דעריבער אַלע מיטגלידער און פאַראינטערעסירטע קומען ווי איין מענטש אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, כדי צוצולייגען א האַנט לטובת דער אויפלעבונג פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס.

קאַמיטעט פון ווינטער-הילף פאַר אַרעמע יודען ביי „טאָז".

אויף דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע אַרבייטער און געזעלשאַפטליכע טהוער איז דעם היינטיגען זונטאָג פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון „טאָז" אַ גרעסערע פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרען די פראַגע וועגען ווינטער-הילף פאַר אָרימע יודען.

כמעט אַלע בעטייליגטע האָבען אויפגעוויזען, אַז צום שווערסטען טרעפט דער ווינטער דעם יודישען אַרבייטסלאָזען, דעם דעקלאַסירטען יוד און בכלל דעם פרנסה-לאָזען יודען, וועלכע זענען אין ס'רוב פאַלען נישט רעגעסטרירט אין „אַרבייט'ס - פערמיטלונג'ס - ביוראָ" און נישט אין וועלכע ס'איז געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלע שוץ און ממילא בעקומען זיי ניט קיין שום הילף פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס. — האָסטו נישט דאָס אָפיציעלע ביכעל פון „אַרבייט'ס-פערמיטלונג'ס-ביוראָ" — האָסטו נישט קיין רעכט צו געניסען פון אונזער הילף.

איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דער גורל פון דעם פריהער אויסגערעכענטען טייל יודען, איז אַ פּאַראויס גע'חתמט'ער: הונגער, נויט און — קעלט. ווייל אַ חוץ דעם, וואָס עס קומט איהם אויס אַ גאַנצען זומער — ווי מען זאָגט — „צו לעגען די ציין אין בייטעל אריין" — ברענגט דער ווינטער אַ פרישע צרה — קעלט. אַזוי, אַז ער האָט ביידע „גוטע" זאַכען צוזאַמען — הונגער און קעלט.

מיט אַט די אַלע אָנגעווייטאָגטע פראַגען האָט זיך פערנומען די פאַרגעקומענע פערזאַמלונג, וועלכע האָט נאָך אַ לענגערע ערנסטע דיסקוסיע און נאָכ'ן אויסאַרבייטען אַ גענויעם פּלאַן פון ברענגען ממשות'דיגע הילף דער יודישער אַרימקייט, אויסגעוועהלט אַן אויספיהר-קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך פערנעמען מיט דער אָנגעצייכענטער אַרבייט

אין דער זאַכליכער דיסקוסיע האָבען זיך בעטייליגט: ד"ר פּאַסטמאַן, אַדוו. טאַוב, רעד. הערץ, ד"ר גאָלדבלום דוד פרענקעל, מגר. נאַשעלסקי, מ. ווינריב און ש. האָכגלאָבער.

אין קאָמיטעט, וועלכער טראָגט דעם נאָמען: „קאָמיטעט פון ווינטער-הילף פאַר אָרימע יודען ביי „טאָז", איז געוועהלט געוואָרען: אַדוו. טאַוב, אינזש. קאַרמאַן, ד"ר גאָלדבלום, י. אַדלער, ד"ר גאָלדבלום, י. אַדלער, ד"ר טאַובענפעלד, דוד פרענקעל, ש. האָכגלאָבער, קעלערמאַן, און ווענגער.

עס איז דערביי ווערט צו פערצייכענען, אַז איינער אַ יונגערמאַנטשיק, וועלכער האָט זיך אַ רייהע יאָהרען „ספּעציאַליזירט" אין פערשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, פון וועלכע ער איז געוואָרען בעזייטיגט, איז אויף דער פערזאַמלונג אומגעבעטענערהייט געקומען און פאַר אַלעם פרייז זיך געוואָלט אַריינבעקומען אין קאָמיטעט. אָט דאָס הייסט אומפאַרשעמטקייט!

דער פערזאַמעלטער עולם האָט אָבער, ווייזט אויס, גוט געדענקט זיינע „טעטיגקייטען" און דעריבער מיט איראָניע אויפגענומען די אָפּערטע פון זיין מיטאַרבעט. אַזוי אַרום איז באַצייטענס אויסגעמיטען געוואָרען דאָס אַריינבאַקומען זיך אינם קאָמיטעט פון אַזאַ מענטשעלע, וועלכער איז רק אויסען די „טובה" פון כלל...

עס איז צו האָפען, אַז די ראַדאָמער יודישע עפענטליכקייט וועט אַנטקייגען קומען מיט דעם מאַקסימום דעם רוף-אַפּעל פונם געשאַפענעם קאָמיטעט און וועט אַזוי אַרום צוהעלפען טיילווייז לינדערען די יודישע נויט.

פ.

פייערליכע ערעפנונג פונם לאָקאַל פון דער נייער ציונ. אָרג.

דעם פערגאַנגענעם שבת איז אין ראַדאָם פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פונ'ם נייעם לאָקאַל פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (רעוויזיאָניסטען-קלוב)

צו דער פייערונג זענען געקומען פאָרשטעהער פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס און פון דער קהלה.

די זאַהלען זענען געווען שעהן דעקאָרירט. אויף די ווענד האָבען מיר געזעהען הענגען די בילדער פון ד"ר הערצעל, זאב זשאָבאָטינסקי און טרומפּעלדאָר, געמאָהלען דורך היגע מאָלער.

צו דער פייערונג זענען ספּעציעל געקומען פון וואַרשא דער פּרעזידענט פון נ. צ. אָ. אין פּוילען אַדוו. שאָפּמאַן, לייטער פון קרן תל-חי אין פּוילען לוי אינגסטער און ד"ר ליפּמאַן.

אַרום האַלב נייען אָווענד עפענט די פערזאַמלונג ה' נתן רובינשטיין, וועלכער האַלט אַ קורצע רעדע אין וועלכער ער רעדט אַרום די לעצטע געשעהענישען און די צרות פון יודישען פאָלק.

נאָך דער איינלייטונג נעמט אַ וואָרט פּרעזעס דען, וועלכער לויבט די רעוויזיאָניסטען, אַנרופענדיג זיי די שטורם-אַפּטיילונגען פון יודישען פאָלק און ווינשט זיי גרויס ערפאָלג.

ד"ר שענדעראָוויטש האָט אין נאָמען פון געזעלשאַפטליכען קלוב אַרויסגעזאָגט זיין פערוואונדערונג פאַרוואָס עס זענען נישט פערהאַנען דאָ קיין פאָרשטעהער

(רעוויזיאָניסטישער קלוב)

פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער ערקלערט, אַז איצט דאַרפען זיך אַלע פעראייניגען.

רעד. הערץ ווינשט דער אָרגאַניזאַציע ערפאָלג, ער ערקלערט אָבער אויך אַז אין דעם מאָמענט איז נויטיג אַחדות פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם ערשטען פּאָליטישען רעפעראַט האַלט אַדוו. שאָפּמאַן, וועלכער בעריהרט די פראַגע פון זעלבסט-שוץ, פון אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. ווייזט אָן די חטאים פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויף די נישט ווירדיגע האַנדלונג פון לאָרד סאַמועל, וועלכער האָט נישט פיעל גוטס געטוהן יודען און ארץ-ישראל. ער ענדיגט, אַז אויב דער אַלטער וועג האָט נישט געטויגט מוז מען פּרובען דעם נייעם וועג.

נאָך איהם האַלט אַ רעפעראַט דער ה' אינגסטער, וועלכער ווייזט אָן אַז די אַלטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט עפּעס אויפגעטהון אין ארץ ישראל אָבער נישט פאַר דעם פאָלק ישראל. זי האָט קודם כל נישט געזאָרגט פאַר אַ ברייטערע יודישע אימיגראַציע און אויך נישט געטראַכט פון בעזיצען ארץ-ישראל. ער דערמאָנט אויך דעם פאַקט ווען זשאַבאָטינסקי האָט ערקלערט אַז מען ברויך האָבען יודישע מאַטראָזען, יודישע מאַרינאַר - אָפיצירען, האָט מען געלאַכט פון איהם און געזאָגט, אַז ער האָט שוין וועניג ערד און זוכט שוין צו גיין אין ים אַריין... אָבער איצט ווייזט זיך שוין אַרויס, אַז דער ים קען געבען פיעל אידישע משפחות פרנסה.

צום סוף האַלט אַ לענגערע רעדע ד"ר ליפּמאַן, וועלכער זאָגט, אַז די רעוויזיאָניסטען האָבען אין זייער פּראָגראַם פיעל צוגעזאָגט און שוין פיעל אויסגעפיהרט. ווען עס וואָלט געווען אַ שטאַרקער זעלבסטשוץ, וואָלט אין א"י צו קיין אידען-פּאָגראָמען נישט געקומען. ער קריטיקירט די הבלגה, און ווייזט אָן, אַז מען ברויך נישט וואַרטען ביז מען וועט פּאָגראָמירען. זאָלען די אַראַבער וויסען, אַז עס מוז זיין אַן אויג פאַר אַן אויג.

ד"ר פּאָסטמאַן טרעט אַרויס געגען אַדוו. שאָפּמאַן און ד"ר ליפּמאַן, וואָס זיי מאַכען אַזוי צוניסט די טעטיגקייט פון די פיהרער פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער ווייזט אָן, אַז זיי האָבען דאָך פיעל פאַר דעם פאָלק ישראל געטוהן.

עס ענטפערען איהם אַדוו. שאָפּמאַן און ד"ר ליפּמאַן.

מיטן אָבזונגען די התקוה וועט דער אָפיציעלער טייל פון דער פייערונג געשלאָסען.

די פערבעטענע געסט זענען נאָך געבליבען אין דעם נייעם לאָקאַל ביי אַ גלעזעל טהיי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אר.

אויף דאָס זעלבע, ליידיג. נאָכ'ן מיטאָג בין איך אַוועק אויפ'ן „פּייף", אין אָוונט אויפן דאַנסינג, כ'האָב בעזוכט די קלובען וואו מען „דזשאַקערט" גאַנצע נעכט — אומעטום איז ליידיג. נישטאָ קיין יודענע אויף אַ רפואה.

אויב אַזוי איז דאָך שוין מיין יודענע געקרעכט, זענען דאָך טאַקע אַלע ווייבלעך געוואָרען כלל - טוערינס. און אויב אַלע ווייבלעך האָבען איועקגעוואָרפען דעם „אויבער-אייכעל" מיט דעם „דזשאַקער", און זיך גענומען צו כלל-טוערײַ, טאָ פאַרוואס זאָל מיין יודענע נישט זיין קיין כלל-טוערין? האָב איך בעקומען גרויס דרך-ארץ פאַר די ווייבלעך, און האָב בעשלאָסען צו גיין אַ קוק טוהן, וואָס זיי טוהן אויף די פּאָשעדזעניעס.

איך קום אריין אויף אַזאַ פּאָשעדזעניע דער זאַל איז געפּאַקט מיט ווייבער, אַלטע ווייבער און יונגע מענטשאַקעלעך, דער זאַל איז אַנגערויכערט ווי אַ פאַבריקסקימען. אַ געשריי, אַ געפילדער, איינע אַ יונג ווייבעלע אַ בלאַנדינקע מיט רויטע פריש קאַרמענירטע ליפּעלעך שטייט אויף דער טריבונע, האַלט אַ „מאָוועַ". דאָס איז די פּאַני פּשעוואָדניטשאַנצא פון „קאָמיטעט פאַן". זי רעדט און אַלע אין זאַל רעדען העכער פון איהר. אַ געפּלוידעריי, אַ געפישטשעריי, איינע אַן עלעגאַנטע דאַמע מיט אַ פּאַפּיראָסעל אין מויל קאַכט זיך אויף דער יונגער פאָרזיצערין:

— טאַקאַ סמאַרקאַטקאַ..

אין זאַל זיצען גרופּקעס ווייבער, די פּאַני דאָקטאָראָוואַ, די פּאַני מעצענאַסאָוואַ די פּאַני דירעקטאָראָוואַ, די פּאַני אינזשיניעראָוואַ. ווענען וואָס זיי שמועסען, האָב איך בענוי נישט געהערט. כ'האָב נאָר געהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— יאַק פּאַני דאָקטאָראָוואַ שוויעטניע וויגלאָנדאַ.

— פּאַני מעצענאַסאָוואַ סכודלאַ.

— פּאַני דירעקטאָראָוואַ יעדזשע וו'סים ראָקו דאָ זאַקאָפּאַנעגאָ?

— טשי פּאַני אינזשיניעראָוואַ מאַ וויעטשנאַ אַנדולאַציע?

אַז איך האָב געזעהן ווי אַזוי די לעפּשע ווייבלעך זענען זיך מוסר נפש פאַר די היימלאָזע, האָב איך בעקומען גרויס דרך ארץ פאַר זיי און בתוכם פאַר מיין ווייבעל.

די היינטיגע וואָך איך קום אַהיים, בין איך געבליבען שטיין אַ צעמישטער, אַ פולע שטיב מיט אַלטע העמדער, זאָקען, מיין יודענע זיצט און קלויבט אַ זאָק צו אַ זאָק פרעג איך זי:

— נעכעלע, וואָס איז דאָס? ביזט געוואָרען אַ שמאַטע - קלויבערין אויף דער עלטער.

— ע', זאָגט זי, דאָס זענען דאָך זאָקען איך האָב געזאַמעלט אַ פּאָר טוץ זאָקען. זענען זיי אַלע - לינקע. איצט האָב איך געזאַמעלט רעכטע, קלויב איך לינקע צו רעכטע, רעכטע צו רעכטע.

— אויב אַזוי, אויב דו האַלטסט שוין ביי דער זאָקען-בראַנזשע, אפשר וואָלסטו מיר אויך אויסגעקליבען אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס? אַ ריין העמד? זאָל זיך דיר דאַכטען, אַז איך בין אויך אַ היימלאָזער!

— דו ביזט דיר נישט קראַנק אַליין צו נעמען! — האָט זי מיט כעס געענטפערט.

— נאַרעלע, זייט דו ביזט געוואָרען אַ כלל-טוערין, האָב איך דאָך נישט בעטוישט דאָס העמד!.. זייט דו גייסט אויף פּאָשעדזעניעס, האָב איך דאָך נישט קיין קנעפּעל ביים העמד, און קיין בענדעל ביי די גאַטקעס, זייט דו ביזט געוואָרען אַ טשלאָנקיניע פון „קאָמיטעט פאַן", חלש איך דאָך גאַנצע טעג פון הונגער, פאַר אַביסעל געקעכץ!..

— הער מיך אויף צו דענערווירען! — האָט זי אַ געשריי-געטוהן, נאָר דער פּרעפּ ליגט איהם אין זינען!... צווערשט דאַרף איך זאָרגען פאַר זיי, פאַר די „בעזדאָמנע" זיי דאַרף מען בעזאָרגען מיט עסען, דו קאָנסט דאַרען, פערשטייסט?...

נעכטן אָוונט. איך קום אַהיים, איך וויל מיך לייגען שלאָפען, זאָגט צו מיר מיין יודענע:

— קלמן יאַנקעל, וועסט אַזוי גוט זיין, היינט גיין שלאָפען ערגיץ אַנדערש וואו

— וואָס הייסט?

— פּעשטשייסט נישט קיין יודיש? דאָס הייסט פאַר דיר איז היינט נישטאָ קיין אָרט צו שלאָפען.

— פאַרוואָס?

האָט מיך מיין יודענע גענומען פאַר דער האַנט, און אַריינגעפיהרט אין שלאָף-צימער

— גיי נאָר אויף די שפּיץ-נעגעל - האָט מיין יודענע געזאָגט שטיל ווי אַ מאַמע רעדט ווען זי האָט מורא, מ'זאָל דאָס קינד נישט איבערוועקען.

איך גיב אַ קוק און עס נעמט מיר שווינדלען פאַר די אויגען. דריי יונגען ווי די בערען, דריי יונגען מיט שוואַרצע טשופּרינעס אין ווייסע נאַכט-העמדער ליגען אויסגעצויגען ווי דיפּריצים. צוויי אין מיין בעט, און איינער אין מיין ווייבס בעט.

— ווער זענען די פּריצים? — האָב איך געפרעגט.

— שאַ.. שטילער... דו וועסט זיי חלילה איבערוועקען .. דאָס זענען דייטשע יונגעלייט. יונגלעך נאָר אַ ברכה איבער זיי צו מאַכען — האָט מיין יודענע געשמאַטשקעט מיט די ליפּען.

— יאָ. גוט, אָבער צו וואָס האָסטו געבראַכט דריי? מיר האָבען דאָך נאָר צוויי טעכטער?

ס'שאַט נישט... זאָל זיין איינער אויף רעזערוו... האָט מיין יודענע געענטפערט. הכלל, איהר ווילט וויסען די אונטערשטע שורה? די אונטערשטע שורה איז:

איך גיי גאַנצע טעג אַרום הונגעריג, קיין ביסעל געקעכץ זעה איך נישט פאַר די אויגען, כ'האָב נישט קיין העמד אויפ'ן לייב, קיין בענדעל ביי די גאַטקעס. גאַנצע טעג דריי איך מיך אַרום ווי אַ שאָטען אויף דער וועלט, און איצט האָב איך שוין אויך נישט ווי צו שלאָפען.

וואו איך גיי איצט, פרעגט איהר?

איך גיי מיך פּאַרעגיסטרירען פאַר א היימלאָזען... אפשר ווייסט איהר, וואו עס געפינט זיך דער קאָמיטעט פאַר די היימלאָזע?...

אויפן צוזאַמענפאָהר פון פּוילישע סוחרים אין ראַדאָם

האָט מען גערעדט וועגען נאַציאָנאַליזירען דעם האַנדעל — אין די צענטראַלע פּונקטען פון שטאָדט וועגט-איבער דער יודישער עלעמענט, בילדענדיג אַ מעהרהייט הויז-בעזיצער.

דער ראַדאָמער פּוילישער סוחרים-פעראיין האָט אָרגאַניזירט אַ צוזאַמענפאָהר אונטער דער אַפּיטראָפּוס פון דער האַנדעל'ס-קאַמער אין סאָסנאָוויעץ.

דער צוזאַמענפאָהר איז פאָרגעקומען אין די זאַהלען פון היגען סיימיק, זונטאָג. אין איהם האָבען זיך בעטייליגט די פּוילישע סוחרים פון די פּאָוויאַטען: דרילטש, קאָזשעניץ, אָפּאָטשנע, אָפּט, צוויזמיר, ראַדאָם.

דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ געבעט אין דער קירכע.

דעם צוזאַמענפאָהר האָט געעפענט דער פּרעזעס פון היגען פּוילישען סוחרים-פעראיין, סטעפאַן מאַיעווסקי, וועלכער האָט נאָכ'ן בעגריסען די פאָרשטעהער פון דער אַדמיניסטראַטיווער און קאָמונאַלער מאַכט, אין די פּערזאָנען פון ה' סטאַראָסטאַ מיעשקאָווסקי, שטאָדט-פּרעזידענט ה' יוזעף גזשעטשנאַראָווסקי, ווי אויך די פאָרשטעהער פון דער סקאַרבאָווע און האַנדעל'ס-קאַמער — איבערגעגעבען דעם פאָרזיץ דעם פּרעז. פון דער האַנדעל'ס · קאַמער, אינזש. סאַווינסקי.

פּרעזעס סאַווינסקי האָט געשילדערט האָט געשילדערט די אָנשטרענגונגען פון פּוילישען סוחרטום פון ראַדאָמער ראַיאָן, צו נאַציאָנאַליזירען דעם האַנדל.

דער וויצע-פּרעזעס פון דער האַנדעל'ס-קאַמער עדמונד גרושטשינסקי האָט רעפערירט א. ד. ט. „די ראָל פון פּוילישען סוחרים'טום אין איצטיגען מאָמענט". דער פּרעלעגענט האָט אַרומגערעדט די בעדינגונגען, צו וועלכע דער פּוילישער סוחר איז מחויב זיך צוצופּאַסען אין דער איצטיגער צייט. אויפן פּוילישען סוחר לאַסטעט יעצט דער חוב צו דיענען דער מלוכה און דער געזעלשאַפט.

אין שייכות מיט די דאָזיגע אויפגאַבען זענען די סוחרים מחויב צו בעזיצען ענטשפּרעכענדע פאַך-פאָרבערייטונג. ליידער, נישט אַלע סוחרים בעזיצען אַזעלכעס, כדי צו קענען ערפילען זייערע שווערע פליכטען. דאָס בילדונג'ס-מיניסטעריום, אָבשאַצענדיק דעם דאָזיגען ענין, האָט אין פאַרשטענדיגונג מיט די האַנדעלס-קאַמערען, געשאַפען אַ געדיכטע נעץ פון פּראָפעסיאָנעלע שולען מיט אַ פּראָגראַם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די סוחרישע בעדערפעּנישן.

וויצע · פּרעזעס גרושטשינסקי האָט אויך בעריהרט די פראַגע פון אומזאַץ-קאַפּיטאַל און גרינדונגס-קאַפּיטאַל פאַר נייע האַנדעלס · פּלאַצובקעס. אַזוי די מלוכה און אויך די געזעלשאַפטליכע קרעדיט · אָרגאַניזאַציעס בעמיהען זיך אין דער הינזיכט צו ערטיילען הילף דעם פּוילישען סוחרים'שאַפט. פון אָנפאַנג איז געוואָרען געשטיצט דער דעטייל-האַנדעל. יעצט אָבער האָט די ב. ג. ק. (באַנק גאָספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָווע-גאָ) אָנגעהויבען געבען קרעדיט פאַר הורטאָווניעס. די דאָזיגע קרעדיטען בעשטעהען פון איינמאָהליגע הלוואות אויף 15000 זל. ליידער דעקען נישט די בעשטימטע קרעדיטען אינגאַנצען די בעדערפענישען פון סוחר'טום.

דער רעדנער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די שוועריגקייטען, אויף וועלכע עס טרעפען אָן די נייע אונטערנעמונגען ביים נישט קענען אויסגעפינען נעהעריגע לאָקאַלען אין די צענטראַלע פּונקטען פון שטאָדט, וואו עס וועגט-איבער דער יודישער עלעמענט, וועלכער בילדעט מיט זיך אַ מעהרהייט פון הויז-אייגענטימער.

דער וויצע-פּרעזעס פון דער סאָסנאָווצער האַנדעל'ס-קאַמער שטעלט זיך בעזונדערס אָן אויף די נישט עהרליכע קאָנקורענץ, וועלכע מוז ווערען בעקעמפט. ער זאָגט אָן, אז ס'ווערט שוין צוגעגרייט די געזעצגעבערישע דעפּאָרמען, וואָס ברויכען רעגולירען די אַזוי-גערופענע „נישט עהרליכע קאָנקורענץ". ער איז אויך פאַר א גרינדליכער רע-פאָרם אויפן געביעט פון אויסבויען דעם געגענזייטיגען צוטרוי צווישען דער סקאַרב-מאַכט מיט די סוחרים.

דער ראש · המדברים גרושטשינסקי ענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: וויבאַלד דאָס פּוילישע סוחרים'טום, וויל יעצט אויפבויען דעם פּוילישען האַנדל אויף געזונטע און עטישע יסודות — ווענדען מיר זיך מיט אַנ'אַפּעל צו אונזער מאַכט און צום גאַנצען פּוילישען פאָלק וועגען הילף און מיטאַרבעט אין דעם דאָזיגען גרויסען ווערק".

די רעדע פון גרושטשינסקי איז געוואָרען פון אַלע פערזאַמעלטע אונטערגעכאַפּט מיט אַפּלאָדיסמענטען און מיט גרויס אַנערקענונג.

נאָך די בעריכטען פון פערשידענע דעלעגאַטען, איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע.

דער דירעקטאָר פון דער ראַדאָמער האַנדעל'ס-שולע פעליקס פּאַסכאַלסקי האָט זיך בעקלאָגט אויף דעם וואָס אין פיעל סוחר'ישע פאַמיליעס ווערען נישט קאָנטוּאינירט די סוחר'ישע טראַדיציעס. אויפ'ן ראַדאָמער געביעט, זאָגט ער, בעמערקט מען נישט דאָס קולטיווירען די סוחר'ישע ירושה, מיט וועלכע אַנדערע שטעט אין לענדער ריהמען זיך אַזוי שטאַרק. כדי צו בעקרעפטיגען זיין בעהויפּטונג שטעלט פאָר דירעקטאָר פּאַסכאַלסקי פאָר די פערזאַמעלטע אַ פּראָטאָקאָל פון אַ סוחרים-פעראיין אין ראַדאָם פון יאָהר 1843, אָבער קיין איינער פון יענע דורות, וועלכע זענען אויסגערעכענט אין די דאָקומענטען, פערנעמט זיך נישט מיט האַנדעל. ס'איז, לויט זיין מיינונג, אַ טרויעריגע ערשיינונג.

פרוי זאַוואַטינסקאַ ווייזט אָן אויף דער נויטווענדיגקייט, צו ענדערען די פּסיכיק פון די פּוילישע פרויען אין דער ריכטונג פון פערנעמען זיך מיט'ן פּוילישען האַנדעל.

נאָך דער דיסקוסיע האָט גענומען אַ וואָרט דער סטאַראָסטאַ ה' מיעשקאָווסקי וועלכער האָט אין נאָמען פון קעלצער וואָיעוואָדע ד"ר דזיאַדאָש, בעלעגט הערצליכע ווינשען דעם סוחרים-צוזאַמענפאָהר, אַרויסזאָגענדיג דערנאָך אין זיין אייגענעם נאָמען עטליכע ווינשען, הגם אויך קריטישע בעמערקונגען. אי-בערהויפּט האָט דער סטאַראָסטאַ אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם וואָס ס'איז נישטאָ אין ראַדאָם קיין האַנדעל'ס-ליצעאום.

פון פּרעזעס פון דער האַנדווערקער קאַמער באַלצער איז אָנגעקומען אַ שריפטליכע בעגריסונג צום צוזאַמענפאָהר.

ביים שלוס פון די בעראַטונגען איז אָנגענומען געוואָרען צו שיקען דעם מיניסטער פאַר האַנדעל און אינדוסטריע א דעפּעשע פון פאָלגענדען אינהאַלט:

„דאָס פעראייניגטע פּוילישע סוחרטום פון ראַדאָם, דרילטש, קינצק, קאָזשעניץ, אָפּאָטשנע, אָפּט און צוויזמיר, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט אין ר א ד א ם אויף אַ צוזאַמענפאָהר אָרגאַניזירט אונטער'ן פּאַטראָנאַט פון דער האַנדעל'ס · קאַמער אין סאָסנאָווצע, שיקט אייך איבער ה' מיניסטער אויסדריקען פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין אומגעהויערע וואוילגעוויטקייט צום האַנדעל. מחמת די אויפגאַבען צו פערזיכערען פּוילען אַ געזונטען, נאַראָדאָווען אויסטויש-אַפּאַראַט, נעמט אָן דאָס אָרגאַניזירטע פּוילישע סוחר'טום אַנ'אַקטיווע שטעלונג"

אונטערגעשריבענע: סאַווינסקי, גרושטשינסקי, גאַדאָמסקי, לאַגאַדזשינסקי, מאַיעווסקי, מאַרכאָוט, שימאַנסקי.

אַרטיסט, דאָקטאָר = מעדיצין, דאָקטאָר = פילאָזאָף און אַ זשאַנדאַרמעריע = אָפיציר

און טראָץ די אַלע טיטולען האָט איהם חנה גיטעל פון סטאַשעוו נישט געוואָלט.

גוסטאַוו הערמאַן ווערנער איז אַנ-אַרטיסט אין אַ פּראָווינצער אַרטיסטען-טרופּע. אַזוי ווי עס איז קיין „אַרבייט" נישט געווען אין זיין טרופּע, איז ער אריינגעפאָהרען קיין סטאַשעוו, וואו ער איז געוואָרען רעזשיסער פון דער יודישער אַמאַטאָרען-טרופּע, וועלכע האָט געוואָלט שפּילען דאָס בעקאַנטע שטיק „די געלע לאַטע". אין סטאַשעוו האָט ווערנער געהאַט גרויס ערפאָלג און אַלע מיידלעך האָבען זיך אין איהם געליבט. פון אַלע האָט ער זיך אויסגעקליבען די סטאַשעווער שענהייט חנה גיטעל איידעלמאַן. ווערנער האָט זיך שטאַרק אין דעם מיידעל פערליבט און בכדי מעהר צו געפעלען האָט ער ערקלערט, אַז ער איז נישט בלויז קיין אַרטיסט, נאָר ער איז נאָך דערצו אַ דאָקטאָר · מעדיצין דאָקטאָר-פילאָזאָפיע און אַ רעזערוו-אָפיציר פון זשאַנדאַרמעריע. ווען דאָס מיידעל האָט איהם נישט געוואָלט גלויבען, האָט זיך ווערנער די אַלע טיטולען אריינגעשריבען אין מיליטער-ביכעל, און דעם געפעלשטען דאָקומענט געוויזען זיין סימפּאַטיע. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען. מיט אַלע טיטולען האָט ער ביי קיין אופן נישט געקענט געווינען דאָס הארץ פון חנה גיטעל איידעלמאַן. זי האָט איהם אָבגעזאָגט די ליעבע. א פערצווייפעלטער האָט ער אָנגעשריבען צו זיין מוטער א בריעף, אז ער בעגעהט זעלבסטמאָרד פון ענטוישטע ליבע.

די איבערגעשראָקענע מוטער האָט זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי און געבעטען רעטען איהר זוהן. דער זוהן איז קיין זעלבסטמאָרד נישט בעגאַנגען ער איז אָבער אַוועק קיין סאָסנאָוויעץ וואו ער האָט אָנגעהויבען שפּילען אַ גרויסע ראָלע צווישען דער סאָסנאָווצער יודישער אינטעליגענץ.

דאָרט טאַקע האָט איהם די פּאָליציי געפּאַקט און נאָכ'ן רעווידירען די דאָקומענטען דערזעהן די פעלשונג. פאַר פעלשן דאָס מיליטער-ביכעל איז גוסטאַוו הערמאַן ווערנער געשטעלט געוואָרען פאַר'ן ראַדאָמער קרייז-געריכט. ווערנער איז נאָך אַ יונגער בחור, 26 יאָהר אַלט ער איז זיך מודה און ערקלערט, אַז ער האָט אויף דעם אופן געוואָלט „נעמען" זיין סימפּאַטיע.

דאָס געריכט האָט דעם „פּיפּיגען" אַפעריסט פעראורטיילט אויף 6 חדשים ארעסט.

אר.

דער יעדלינסקער יודישער שוסטער וועט שוין נישט הולען.

אין נאָהענטען שטעדטעל יעדלינסק וואוינט דער אידישער שיסטער חיים קאַץ, אַ מלחמה · אינוואַליד, וועלכער בעקומט 92 גילדען א חודש עמעריטור. ער פערדינט אויך א 3–4 גילדען א טאָג פון זיין פאַך.

קאַץ איז א פערהייראַטער מענש און האָט 5 קליינע קינדערלעך פון וועלכע ער מאַכט פון צייט צו צייט פּליטה. איהם, ווייזט אויס, איז ענג אין קליינעם שטעטעל און ער קען זיך גאָרנישט „אוושיען". ס'ווילט זיך איהם א לעב טוהן, אָבער אין יעדלינסק איז נישט ראָ וואו. נעמט ער טאַקע אָב די פּאָר גילדען און פּאָהרט הוליען קיין וואַרשא.

די פרוי מיט די קליינע קינדערלעך ליידען נויט און הונגער. עס פעראינטערעסירט זיך מיט זיי די אידישע גמינע און די אידישע בעפעלקערונג, וועלכע דערנעהרט קאַץ'ס פאַמיליע. אַזא לעבען איז אָבער קיין לעבען נישט און די פרוי האָט בעשטימט, אַז לענגער ליידען קען זי נישט. זי האָט וועגען דער האַנדלונג פון איהר שלעכטען מאַן און פאָטער געמאָלדען דער פּאָליציי. געגען חיים קאַץ איז פערפיהרט געוואָרען א פּראָצעס, וועלכער איז פאַרגעקומען אין ראַדאָמער קרייז-געריכט.

מיט אַ בעשולדיגונגס · רעדע איז אַרויסגעטרעטען פּראָקוראָר שידלאָווסקי.

דאָס געריכט אַנערקענענדיג די שולד פון חיים קאַץ האָט איהם פעראורטיילט אויף 6 חדשים אַרעסט, אָפּלייגענדיג איהם די שטראָף אויף 2 יאָהר, נאָר מיט דעם בעדינג, אז ער וועט שוין פון היינט אָן זיין גוט און זיך מעהר פעראינטערעסירען מיט זיין פרוי און קינדער.

איצט וועט שוין קאַץ נישט הוליען.

אר.

סענסאַציאָנעלער פּראָצעס צווישען 2 רעדאַקטאָרן.

אין ראַדאָם זענען פערהאַן צוויי רעדאַקטאָרען מיט צוויי גלייכע פאַמיליע-נעמען: באַראַנאָווסקי. ס'איז בלויז אַנ'אונטערשיד אין פאָר-נאָמען. איינער הייסט פראַנציזשעק באַראָווסקי און דער צווייטער — וויטאָלד באַראָווסקי. דער ערשטער איז רעדאַקטאָר פון דעם היגען „דזיען-דאָברי" אין דער צווייטער איז רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ ראַדאָמסקאַ".

צי ביידע זענען פון איין פאַמיליע – דאָס ווייסען מיר נישט, נאָר, אַז ביידע זענען זיך נישט קיין גוטע פריינד – דאָס איז געוויס. והראיה, אַז צווישען ביידע גרייט זיך בקרוב אַ סענסאַציאָנעלער פּראָצעס.

דאָ נישט לאַנג האָט די „גאַזעטאַ-ראַדאָמסקאַ" געשריבען, אַז רעדאַקטאָר פראַנציזשעק באַראָווסקי פאָדערט פון די נייע קריסטליכע סוחרים אַנאָנסען פאַר דעם „דזיען-דאָברי". פערשטעהט זיך אַז ה' פ. באַראָווסקי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון אַזאַ פאָרוואורף און ער האָט דעם רעדאַקטאָר פון דער „גאַזעטאַ ראַדאָמסקאַ" וויטאָלד באַראָווסקי אָנגעקלאָגט אין געריכט.

צום פּראָצעס ברענגט דער רעדאַקטאָר פון „דזיען-דאָברי" צוויי אַדוואָקאַטען פון וואַרשא. דער צווייטער רעדאַקטאָר פון דער „גאַזעטאַ-ראַדאָמסקאַ", וויטאָלד באַראָווסקי לאָזט נישט אָב און זאָגט צו פאַרצושטעלען רעוועלאַציעס פאַר'ן געריכט.

אר.

געדענקט אין די יודישע פּליטים!

„איי-וויי-מיר"

דער בעזיצער פון עטליכע גרויסע הייזער אין שטאָדט – איז אַ בעקאַנטער קמצן.

מען ווייסט אומעטום, עס ווייסען אַלע כלל-טוער, אינסטיטוציעס, נסתרים און סתם אָרימע לייט, אַז ער, דער גביר – גיט נישט.

אַ האַרט-האַרציגער, איהם וועלען טרעהרען נישט ריהרען. די שווערסטע נויט, נישט ווייכער מאַכען. ער גיט נישט.

ער איז דערצו צומאָלט נאָך א בעל הלצה.

ווען צו איהם קומט א היימישער, א אייגענער בעטען א אונטערשטיצונג און זאָגט:

„זעהר חשוב'ער הער! איך בין א היגער, אַ שווערער יורד, אַ גרויסען בני בית – קיין עין הרע" – – –

זאָגט ער:

„איהר זענט אַ ליגנער! איהר זענט נישט קיין היגער, וויל ווען איהר וואָלט זיין א היגער, וואָלט איהר געוואוסט, אַז איך גיב נישט".

ווען דער דאָזיגער „איי-וויי-מיר" גביר זאָל זיך מאַכען א שטיק חשבון הנפש פון זיינע מעשים, ווען ער זאָל זיך אַליין דורכרעכנען און דערנישטערען, וועט ער קומען צו אַזאַ מין מסקנא:

אויף דער גאַס זענען זיך צונויפגעקומען מענשען. עס קומען אָן אַלץ מעהר און מעהר, פערביי-געהענדע שטעלען זיך אָב, ווערען נייגעריג, פרעגען: „וואָס שטעהט מען דאָ?"

פון הויז טראָגט מען ארויס אַלט-מאָדישע – אָדער ניי מאָדישע בעטען, שאַפעס, בענקלעך, בעטגעוואַנד, געשירן, שטרויזעק, אָדער אַלטע מאַטראַצען און אַנדערע שטוב · זאַכען און פון הויף אַרויס הערט זיך א געוויין פון א מאַמע. פון עטליכע קינדער. מען שטעלט אַרויס די אַלע שטוב · זאַכען, דעם גאַנצען רכוש פון דער אָרימער אלמנה – אָדער פאַר-פאָלק — אויף דער פרייער גאַס. די משפחה איז עקסמיסירט.

די הונדערטער מענשען, וואָס שטעהן אין גאַס, זיפצען, קרעכצען.

אַלע פיהלען דעם שמערץ, דעם וועהטאָג, דעם עלענד, דעם בזיון און קרעכצען „איי ווי מיר!"

און צוזיקקעהרענדיג צו יענעם גביר מיט זיין „איי-ווי-מיר", וויל זיך איהם דערמאָנען איצט:

„וויפיל לאָקאַטאָרען האָט איהר אַליין שוין אַזוי אַרויסגעוואָרפען אין גאַס – כמתוב לעיל – און הונדערטער מענשען האָבען דעריבער אמת'דיג געקרעכצט, געזיפצט איבער דעמזעלבען באַרבאַריזם, דעמזעלבען סאַדיזם — ווי היטלער · דייטשלאַנד און איהר זענט געשטאַנען קאַלט און אפשר גאָר געלאַכט אין שטילקייט איבער די „איי-וויימירס", וואָס אמת'ע רחמים-הערצער האָבען אויסגעזיפצט?!?

האָט איהר דאָס געפיהלט?

– – – – – – – – – – – – – –

און לאָזט אייך עפּיס זאָגען:

„איך האָב זיך בעמיהט ביים פּליטים-קאָמיטעט, צו דערוויסען, וויפיל אייער „איי ווי מיר" געוויסען האָט מנדב געווען צו דער הילף און רעטונג פון די דאָזיגע אומגליקליכע.

און דאָרט אין דעם פּליטים-קאָמיטעט דערצעהלט מען נישט קיין סודות. מען וויל נישט זאָגען, מען וויל נישט בלאַמירען, אויספּויקען.

שווער איז מיר דאָס אָנגעקומען צו דערוויסען זיך.

איינער – איז דאָך דער מוטיגער געווען און ער האָט מיר אין אויער איינגערוימט:

„איהר ווילט וויסען וויפיל דער גביר פלוני בן פלוני, בעזיצער פון עטליכע גרויסע הייזער האָט געגעבען? איך וועל אייך זאָגען אויף גענוי:

— א חרפה אויסצוזאָגען.

צו וואָס „איי ווי מיר?"

וו.

ווי לאַנג וועט דאָס יודישע בית-עולם זיין הפקר?

צי איז ראדאם טאָקע אזא אָרים קהל, אַז ס'זאָל נישט קענען אויפשטעלען כאָטש א דראָהטענע וואַנד?

דאס יודישע בית-עולם אין ראדאם שטעהט אהן א וואנד. די גאנצע זייט פון אלטען בית-החיים, און א שטיק פון נייעם, וואס געהט ארויס צום פעלד, שטעהט פולשטענדיג אפען און פריי פאר דער גאנצער וועלט. מענשען קומען אויפ'ן בית-עולם, קוקען זיך צו צום דאזיגען הפקר-צושטאנד, בייזערען זיך און ווערען שטארק אויפגערעגט, אבער זייער פראטעסט ענדיגט זיך דערמיט, וואס זיי רעאגירען בלויז מיט א פאר שארפע ווערטער און מעהר נישט. מען פאהרט אהיים און עס בלייבט ווידער ביים אלטען.

אזוי זענען שוין די ראדאמער יודען. מען מעג זיי אַנטוען אלצדינג, מען מעג פון זיי חוזק'ן און לאכען — שווייגען זיי און בלייבען צו יעדער זאך גלייכגילטיג. אבי מ'לאזט זיי צו-רוה. אפילו ווען מען לאזט זייערע פערשטארבענע אבות נישט צו-רוהה אין זייערע קברים — אהרט זיי אויך ווייניג. אזא גלייכגילטיגקייט איז שוין אבער דער גרעסטער סקאנדאל. וואָרום ווי קען א שטאדט איינרוהען, צוזעהענדיג, ווי א בית-עולם איז הפקר, וואו קיה און קאזעס שפאצירען דארט ארום אויף די קברים און טוען אלע זייערע געברויכען וויפיעל מאל האט מען שוין געהערט פון אומווארפען מצבות און שענדען קברים?

דער סטרוזש, וועלכער וואוינט דארט ביי זיין בעסטער וואכזאמקייט קען פארט נישט דערהיטען אומעטום. און ווען אפילו ער זאָל זיין דער בעסטער שומר צי איז עס אזוי א פלאן, אַז פון דריי זייטען זאָל זיין ארומגעצוימט און די גאנצע 4-טע זייט, אגב די גרעסטע, זאָל זיין אינגאנצען אָפען?

דאָס יודישע בית-עלמין אין ראַדאָם ליגט זעהר ווייט פון שטאָדט. עס געפינט זיך ערגיץ אין א העק, פון דער זייט און איז פולשטענדיג אָבגעזונדערט. ארום און אַרום פעלדער און וועלדער. עס האָט קיין שום קאָנטאַקט נישט מיט דער שטאָדט. אַהין דערגרייכט נישט לחלוטין די מינדעסטע השגחה פון שטאָטישע מענשען. ס'איז דאָרט קיין שום ישוב נישט און ס'זענען אבסאָלוט נישטאָ קיין שפורען פון א מענשליכען פערקעהר. מען קומט נאָר דאָרט אַהין אויף א לויה, אָדער אויף אַ יאָהר-צייט און דאָס בייטאָג אויף א קליינע צייט. דערנאָך ווערט באַלד צוריק וויסט און פוסט, ווי אין א מדבר. אפילו בייטאָג, איז דאָרט נישט היימלעך פאַרבייצוגעהן. ווער שמועסט זשע ביינאַכט? ביינאַכט איז פשוט א מורא אַ טריט אַרויסצושטעלען.

די איינציגע שוץ איז דאָרט געווען דער געמויערטער פּאַרקאַן. יעצט איז דאָס אויך נישטאָ. מען קען דאָרט גאנץ לייכט און דרייסט אַריינגעהן און אָבטוהן אַלץ וואָס מ'ווילט. מ'וועט אפילו נישט הערען און נישט זעהן. ס'איז אַנ'אָפּענער פּלאַץ, וואָס ליגט פראַנק און פריי פאַר אַלע: פאַר קאָזעס, הינד, קיה, פערד און פאַר אַלע טונקעלע פאַרשוינען, וועלכע קענען דרייסט, אונגעשטערט גראַסירען און אויספיהרען אַלע שענדליכסטע מעשים.

דאָס יודישע ראַדאָם ווייסט פון דעם אַלעם און שווייגט. אַזאַ מין שווייגעניש איז בשום אופן נישט מוחל צו זיין. האָבען מיר דאָך דאָרט ליגען, אויפן הייליגען אָרט, דאָס טייערסטע, דאָס שעצבארסטע, דאָס בעסטע, וואָס מיר פערמאָגען. עס רוהען דאָך אין זייער אייביגען שלאָף די ביינער פון אונזערע טייערע אבות, קרובים, פריינד און בעקאַנטע, סאָ ווי קענען מיר איינרוהען, ווען מיר ווייסען, אַז זייער מנוחה ווערט געשטערט? ווי קען מען און ווי מעג מען זיך בעציהען אַזוי גלייכגילטיג, ווען מיר ווייסען, אַז די לעצטע סטאַציע, דער לעצטער פונקט, דער לעצטער רוהה-פּלאַץ פון אונזער מענשליכען געביין, איז א שטיק הפקר-אָרט, וואו עס קענען אָבגעטוהן ווערען אַלע אומווירדיגסטע מעשים?

געווען אַ גרויסער פערזעהען. וואָס איידער מ'האָט צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל און איידער ס'איז געוואָרען געזאַמעלט א פאָנד אויף קאָסטען און אַרבייט'ס-לוין אויף אויפצובויען א נייע וואַנד פון פּאַרקאַן, האָט מען די אַלטע וואַנד אומגעוואָרפען. אַזוי ארום איז מען געבליבען שטעהן אין מיטען. נישט אַהער, נישט אַהין. ס'איז געווען ווייט נישט בערעכענט אַזאַ שריט. ה' דען האָט געברויכט וויסען פון דעם בעקאַנטען קלוגען פאָלק'ס-ווערטל: „מ'גיסט נישט אויס ס'אַלטע, ביז מ'האָט נישט קיין נייעס". ס'איז אָבער פערפאַלען. ס'איז אַנ'אָבגעטוהענע זאַך און מ'קאָן שוין נישט צוריקכאַפּען. אגב האָט ה' דען שוין אַליין מודה געווען, אַז ער איז בעגאַנגען אַ פעהלער. ער האָט אויסגעדריקט בפני עם ועדה, אין שוהל, זיין חרטה אויף דעם. מודה-זיין און חרטה זענען טאָקע גוטע זאַכען, אָבער דאָס בערעכטיגט נאָך נישט, אַז דער דאָזיגער צושטאַנד דאַרף אַזוי בלייבען אויף ווייטער. עס מוז אונבעדינגט עפּעס געטוהן ווערען. אויב ס'זענען יעצט נישטאָ קיין מעגליכקייטען אויפצושטעלען די וואַנד פון ציגעל טאָ זאָל ווייניגסטענס געמאַכט ווערען די וואַנד פון דראָהט. דאָס ברויך נישט אַזוי פיעל קאָסטען און עס וואָלט געווען אין אַ געוויסע מאָס א פערהיטונג-מיטעל, דערמיט וואָס עס וואָלט אָבגעטיילט דאָס בית-עלמין פון ארומיגען הפקר. זאָל זיין אַ דראָהטענע פערצוימונג, וואָס זאָל בעשיצען דעם כבוד און דעם הייליגען אָנדענק פון די שוכני עפר, פון די, פון וועלכע ס'איז געבליבען דאָס איינציגע געדעכעניש — דאָס בערגעלע ערד.

לאָמיר נישט לאָזען פערשוואַכען די קברים פון אונזערע אבות און לאָמיר אויפשטעלען אַ שוץ-וואַנד כאָטש פון דראָהט.

אַזאַ אָרים קהל, וואָס זאָל נישט פערמאָגען אויף אַ דראָהטענע וואַנד פאַר'ן בית-עולם — איז נישטאָ!

אלטער יוד בעקומען א פאראליזש אין בית-מדרש.

אין גרויסען בית-מדרש איז דינסטאָג אין דערפריה נאָכ'ן דאַוונען, נישט גוט געוואָרען דעם אַלטען יוד ישראל הירש בערמאַנסקי. מ'האָט גערופען דעם פעלשער יאַנקעל מאָשקאָוויטש, וועלכער האָט דעם יוד באַלד געמאַכט אַנ-איינשפריצונג. ה' מאָשקאָוויטש האָט אַ סך געטהון ביז ער האָט דעם יוד דערמונטערט. ווען ער איז אויפגעקומען האָט זיך געלאָזט בעמערקען אַ פּאַראַליזש אויף אַ האַלבען קערפער. די ווייטערדיגע הילף איז אָבער נישט געווען מעגלעך אויסצופיהרען אין בית-מדרש און מ'האָט דעם יוד איבערגעפיהרט אויף אַ דראָזשקע אין יודישען שפיטאָל.

בערמאַנסקי איז אַנ'אָרימער יוד, אַ שאַכער. קיין קינדער האָט ער נישט אין ראַדאָם. ער האַלט זיך אויף ביי זיינעם אַנ'אָרימען קרוב אויף באַסעינאַ 6.

געוואָלט צערייסען די לאַטשען און זיך אויסגעבראָכען עטליכע צייהן.

די מלחמה צווישען התן-כלה אין בית-דין-שטוב.

אַ געוויסער יצחק שטיינבערג פון ראַדאָם האָט געשריבען תנאים מיט אַ יעדלינסקער מיידעל רייצע אַלטמאַן. ווען מ'האָט שוין געשמועסט וועגען חתונה-האָבען, האָט דער חתן מוציא שם רע געווען אויף דער כלה, בכן זי חבר'ט זיך מיט פרעמדע יונגעלייט און אפילו מיט נישט-יודישע א. ז. וו.

קיין חתונה, פערשטעהט זיך, איז שוין נישט פאָרגעקומען אַנשטאָט דעם האָט מען זיך אַנגעהויבען אַרומקריגען און אַרומרייסען אַזוי לאַנג, ביז מ'איז ענדליך אַוועק אויף אַ דין-תורה צו הרב קעסטענבערג.

ערב די דין תורה האָט מען זיך אָבער פערמאָסטען מיט די כוחות אין בית-דין-שטוב, אַז עטליכע מאַן זענען געוואָרען צובלוטיגט. אויך די כלה איז נישט געזעסען מיט פערלעגטע הענד. נישט האָבענדיג ביי זיך קיין „כלי-זין" האָט זי אויסגעטוהן די לאַטשען און זיי געוואָרפען דעם חתן. דעם ח ת נ ' ס פ אָ ט ע ר האָט אָבער געהאַט אַ טענה צו די לאַטשען, אַז ס'איז פון זיין געלד געקויפט געוואָרען — האָט ער געכאַפּט די לאַטשען און געוואָלט זיי צערייסען מיט די הענד. ווען דאָס האָט זיך נישט געלאָזט, האָט ער די לאַטשען געכאַפּט אין מויל אַריין און געוואָלט זיי צערייסען מיט די צייהן. די לאַטשען האָבען זיך נישט געלאָזט גובר זיין, און זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך אויסגעבראָכען עטליכע צייהן און איז באַלד בעגאָסען געוואָרען מיט בלוט.

דער סוף פון דער מלחמה איז געווען — פטורין.

פאַרווערט אויף 5 מאָנאַטען צו מאַכען געלד-זאַמלונגען

פון דער סטאַראָסטוואָ בעט מען אונז צו פערעפענטליכען פאָלגענדען קאָמוניקאַט:

פון 1 גרודזיען 1938 ביז'ן 30-טען קוויעטשען 1939, ד"ה אין משך פון 5 חדשים, זענען אַלע עפענטליכע זאַמלונגען רעזערווירט געוואָרען פאַר'ן אַלגעמיין-פּוילישען בירגערליכען קאָמיטעט פון דער ווינטער-הילף פאַר אַרבייטסלאָזע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וועלען די אַריינגעטראָגענע אין דער סטאַראָסטוואָ ביטעס פון געזעלשאַפטען אָרגאַניזאַציעס, קאָמיטעטען אויף ערלויבען דורכפיהרען עפענטליכע זאַמלונגען אויפ'ן ראַדאָמער שטח, אין פערלויף פון דער דערמאָנטער צייט — נישט בעריקזיכטיגט ווערען.

אויסבעסערונג.

אין פריהערדיגען נומער „ראַדאָמער-קעלצער לעבען" האָבען מיר געבראַכט אַ ידיעה וועגען דריי גע'שמד'טע יודישע מיידלעך. צווישען וועלכע עס איז אויך געווען אויסגערעכענט אַ יודיש מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטע ביי דער פירמע „באַטאַ". וואָס שייך דעם שמד פון דער געוועזענער „באַטאַ"-אַנגעשטעלטע, איז די ידיעה נישט ריכטיג. ס'איז געווען אַ טעות. די קלאַנגען וועגען שמד פון דריטען מיידל בעציהט זיך צו אַנ'אַנדער מיידל. אויך אַ היגע, אָבער זי איז היינט נישטאָ אין ראַדאָם, נאָר אין אַ צווייטע שטאָדט.

אבטיילונג פאַר אסטראָוויעץ, אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק און אומגעגענד

פון אלטען מוסטער.

אהרן פרידענטאהל

מיר מישען די בלעטער פון אור-אלטען חומש'ל און עס דוכט זיך, אז דאס האלטען מיר א בוך פון א היינטיגען שרייבער, וועלכער צייכענט אויף די גאר לעצטע געשעהענישען.

און אזוי לייענען מיר:

און יעקב איז ארויס פון זיין לאנד פון באר שבע. ער האט געמוזט אנטלויפען פאר עשיו'ן, וועלכער האט איהם געוואלט דערהרג'נען און ער איז געגאנגען צו לבן קיין חרן.

דער זוהן פון עשיו האט איהם נאכגעיאגט און איהם בערויבט און יעקב איז קוים מיט'ן לעבען ענטרינען געווארען לעדיג אהן א גראשען ביי זיך. און ווען ער איז אנגעקומען צו לבן, האט ער איהם געקושט און געהאלזט, מיינענדיג, אז ער האט געלד און ווען ער האט דערצעהלט אז ער איז בערויבט געווארען און איז אהער געקומען לעדיג, האט ער זיך פון איהם אוועקגעדרעהט און קוים ערלויבט צו ארבייטען ביי איהם.

איז דען נישט דער לעצטער גירוש פון דייטשלאנד ווי מען האט גענומען מענשען און זיי בערויבט און ארויסגעטריבען פון לאנד דאס זעלבע טרויעריגע קאפיטעל פון ויצא.

דערמאנען דען נישט דיי פאלשע מיטגעפיהל-אויסדריקען פון יודענפריינדליכע לענדער אין לבנ'ס פאלשקייט, וועלכער האט ביי זיין שוועסטערען זוהן נאר זיין געלד געזוכט.

יא. אזוי איז עס. שטענדיג זענען מיר צווישען עשיו'ס און פאלשע לבן הארמי'ס שטענדיג און אייביג ויצא וילך.

און מיר לייענען ווייטער:

און יעקב האט געזעהען א לייטער, וועלכע שטעהט אויף די ערד און איהר שפיץ דערגרייכט ביז'ן הימעל...

יא, מיר זענען דאס די אייביגע לייטער דורך וועלכער, פערשידענע אוואנטוריסטען מערדער'ס דערקלעטערען ביז די גרויסע הויכקייטען. דער אלטער כל המיצר לישראל נעשה ראש קלינגט דא אויף די גאר הויכע טענער. דער אנטיסעמיטיזם איז פון די אוראלטע צייטען דאס בעסטע שווינדעל-מיטעל פאר זיי. אויף די שטאפלען פון יודישען לייטער'ל קלעטערען זיי קאפ-שווינדלעריש הויך אום נאך זייער פאלען זאל פון זיי קיין שום זכר נישט בלייבען.

אדער:

און ווען יעקב האט געהערט די רייד פון לבנ'ס קינדער. וועלכע האבען געזאגט: פון אונזער פאטער האט יעקב אלץ צוגענומען. האט ער גענומען זיינע ווייבער און קינדער מיט זיינע סטאדעס און אנטלאפען צוריק אין זיין לאנד אריין קיין א"י.

ער האט נישט געוואלט מען זאל איהם פאגראמירען און ברענען און נאכהער אריבערשטעלען די גרעניץ מיט 10 מארק (מינוס די באהן-בילעטען ביז צו דער גרעניץ) נאר ער האט רעכטצייטיג, ביי די ערשטע אנטיסעמיטישע מורמלרייען, אלץ פערפאקט און געפאהרען צוריק אין זיין לאנד קיין א"י.

וואלטען לויט 'דעם מוסטער געוועזען געטהון אונזערע מאגנאטען אין עסטרייך דייטשלאנד (און וואו נישט) וואלטען מיר יעצט פערשפארט א פליטים-אקציע.

שוידערליכע טראגעדיע

א יונגע מוטער פון 4 קינדער, א פרוי פון א היגען פורמאן האט פלוצלינג בעקומען שווערע וועהען. און ווייל זי איז געווען א שוואנגערע אין 6-טען מאנאט האט מען באלד גערופען דאקטוירים, וועלכע האבען איהר קיין הילף נישט געקענט געבען און מען האט זי אבגעפיהרט אין שפיטאל פון דער אובעז. ספאלעטשני וואו זי איז געשטארבען.

די פארגעקומענע סעקציע האט פעסטגעשטעלט, אז דער טויט איז געקומען פון א מפל'ען.

ביים קובר זיין איז פארגעקומען א שוידערליכע סצענע. די חברה קדישא האבען איהר געהאט בעשטימט א קבר נעבען פלאט און האבען שוין געהאט אויסגעגראבען דאס קבר. ווען די עלטערען פון דער פרוי זענען געוואהר געווארען וואו מען האט פאר איהר בעשטימט דאס קבר האבען זיי אנגעהויבען צו געוואלדעווען, אז זיי וועלען נישט מסכים זיין זייער טאכטער זאל בעערדיגט ווערען נעבען פלאט. ס'האט זיך דאן אנגעהויבען א שווערע פראגע צוליב דעם וואס לויט'ן יודישען דין טאר מען קיין קבר נישט צוריק פערשיטען.

דער רב האט געהייסען ווארטען מיט דער לויה און מען האט גענישטערט און דורכגעזוכט די געהעריגע ספרים פון די ערדיש-הימלישע ענינים, ביז ענדליך ס'איז געפונען געווארען א היתר און דאן איז די טראגיש יונג-פערשטארבענע מוטער בעערדיגט געווארען אויף א מעהר חשובען קבר.

פון פליטים-קאָמיטעט

אין צוזאַמענהאַנג מיט די געפיהרטע אַקציע לטובת די דייטשע פליטים איז דאָ פאָרגעקומען אַ יוגענד-מיטינג אין וועלכען ס'האָבען זיך בעטייליגט פאַרשטעהער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פון עקסטרעם רעכט'ס ביז עקסטרעם לינק'ס.

דער מיטינג האָט צוגעצויגען אַ גרויסע צאָהל פערזאַמעלטע (ביז 400), די פערשידענע רעדנער האָבען אַרומגערעדט די אַלג. יודישע לאַגע און דער פליכט, וועלכע ליגט אויף יעדען יוד מיטצוהעלפען צו דער ברודערישע אַקציע.

דעם פאָרזיץ האָט געפיהרט ראָטשטיין. גערעדט האָבען בלויז יוגענדליכע רעדנער'ס, אויסער די 3 „אַלטע": בייגעלמאַן, רובינשטיין און פישמאַן, וועלכע די יוגענד פעררעכענט נאָך צו זיך ווייזט אויס צוליב זייער יונגען אויסזעהן. אויפ'ן אָרט איז געזאַמעלט געוואָרען 100 זל. די ווייטערדיגע אַקציע איז אין גאַנג.

מיסבּרויכען און ריזען-אַפערע

אין איינעם פון די גרעסטע אונטערנעמונגען איז ענטדעקט געוואָרען אַ גרויסע אַפערע. אַ בעאַמטער וועלכער האָט געגנאָסען פון פולסטען צוטרוי פון זיין פירמע האָט זי סיסטעמאַטיש אַפּעדירט.

די אַפערע איז פאָרגעקומען אויף פאָלגענדען אופן:

ליפעראַנטען פון מאַטעריאַלען פאַר דער דערמאָהנטע פירמע האָבען בעקומען קוויטונגען אויף גרעסערע קוואַנטומס מאַטעריאַלען ווי זיי האָבען פאַקטיש געליפערט.

דער שאָדען איז אַ ריזיגער. די אַפערע ציהט זיך שוין איניגע יאָהר.

איינער אַ קיעלצער סוחר, וועלכער האָט אין דער דערמאָהנטער פירמאַ אינוועסטירט אַ גרויסען קאַפּיטאַל איז אַרויס פולשטענדיג לעהר (אָהן שום בערעכטיגטע סיבה). די פרוי פון דערמאָנטען סוחר איז פאַר פערדרוס דאַן געשטאָרבען.

יעצט, ווען דער דערמאָנטער קעלצער סוחר וועט זיך דערוויסען פון די אַפערע וועט ער כאָטש וויסען די אורזאַך פון זיין דאָמאָלדיגען דעפיציט.

פון „בונד".

דאָ האָט געזאָלט פאָרקומען אַ מיטינג פון „בונד" מיט די בעטייליגונג פון אַ פאָרשטעהער פון וואַרשאַ. ס'איז שוין זאָגאַר געווען אומעטום אַפּישירט. נאָר דער מיטינג איז צוליב זיכערהייט'ס טעמים דורך די מאַכט אָבגערופען געוואָרען.

KINO APOLLO

ביז זונטאג — א שעהנער פראגראם
מייסטערווערק פון מעטרא גאלדווין מייער
בעריםטע זינגערין
זשאנעט מאקדאנאלד
און
נעלסאן עדדי
אין פילם
Złotowłosa
די ארטיסטען האבען געשפילט אין די פילמען:
„ווען עס בליט דער בעז" און „ראָסע מאריא"

KINO APOLLO

גרויסער פריהמארגען פראגראם
שבת 1, 3, זונטאג 12 און 1[45] אז.
שענסטער פוילישער פילם
STRACHY
אין דער הויפט-ראָל
האנקא קארוואווסקא
Od poniedziałku
א שענער פילם
BRAWURA

די נייע שטייער-סטאוועס

דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום האָט אויס-געאַרבייט די אויספיהר-תקנות צום נייעם געזעץ וועגען אומזאַץ-שטייער. די נייע סטאַווקעס אין דאַזיגען שטייער וועלען אַנהויבען צו פערפליכטען פון 1 יאַנואר 1939. אין שייכות דערמיט, וואָס דער שטייער-אמט וועט שוין נישט נעמען קיין אָפּצאָהל פון פאטענטען, וועלען די דאַזיגע סטאַוקעס אין פער-גלייך מיט די ביז איצטיגע געהעכערט ווערען. אזוי וועלען האַנדעל'ס-אונטער-נעמונגען צאָהלען פון אומזאַץ 1,25 פראָצענט אַנשטאָט די ביז איצטיגע 1,2 פראָצענט. פון סוחרים, וואָס פיהרען נישט קיין האנדעלס-ביכער וועט גענומען ווערען די ביז איצטיגע סטאַוו-קע 1,7 פראָצענט. קליינע אינדוסטריע-אונטערנעמונגען וואָס ווייזען אויף אַ יעהרליכען אומזאַץ ביז 100 טויזענד זל. וועלען צאָהלען 1,5 פראָצענט, גרע-סערע וועלען צאָהלען 2,1 פראָצענט. און אין פאַל ווען עס וועלען נישט גע-פיהרט ווערן קיין ביכער 3 פראָצענט.

עקספעדיציע-אונטערנעמונגען וועלען אַנשטאט די ביזאיצטיגע 2.5 פראָצענט צאָהלען 2,6 פראָצענט, די בענק אַנ-שטאָט 1,7 פראָצענט — 1,8 פראָצענט.

די אַזוי גערופענע אינדוסטריעלע איבעראַרבייטונג וועט בעלאַסטעט ווערן מיט א סטאַווקע פון 3 פראָצענט. די אַנדערע סטאַווקעס וועלען בכלל בליי-בען אָהן גרעסערע ענדערונגען. קליינע האַנדווערקער-וואַרשטאַטען וועלען אינ-גאַנצען בעפרייט זיין פון אומזאַץ-שטיי-ער. די דאַזיגע פראגע דאַרף אָבער דערלעדיגען א ספעציעלע פאַראָרדע-נונג, וואָס ווערט שוין אויסגעאַרבייט פון פינאַנס-מיניסטעריום.

לערנט אייך קינדער-קאָנפעקציע

די געזעלשאַפט „אָרט" טרעט-צו צו עפענען אַ קורס פון קינדער-קאָנפעקציע. עס ווערט צו דעם צוועק דורכגעפיהרט אַ רעיעסטראַציע פון די יעניגע מייד-לעך, וועלכע ווילען רעפלעקטירען אויפן דאַזיגן קורס.

צוליב פערשפעטיגונג

מחסת דעם, וואָס די קאָרעספאָנ-דענץ פון קעלץ האָט פערשפעטיגט האָבען מיר נישט בעוויזען אריינצוגע-בען די גאַנצע קעלצער אָפּטיילונג אין היינטיגען נומער. רעד.

טעאַטער «ראָז-מאַיטאַשטשי» ווערט ליקווידירט

אין שטאָדט האָבען זיך פערשפרייט קלאַנגען, אַז דאָס טעאַטער „ראָזמאַי-טאָשטשי" ווערט ליקווידירט און דער בנין ווערט איבערגעגעבען א פריוואַטען אינטערנעמער, וועלכער וועט דאָרט איינאָרדנען א קינא.

די סיבה איז געוויס דאס, וואס דאס טעאטער פוסטעוועט גאנצע וואָכען און זעלטען פאָהרט - צו א טרופע, וואס גאסטראלירט א טאג, צי צוויי און ווערט באלד פערשווינדען. עס לוינט מסתמא נישט אויפצוהאלטען א גאנצען בנין אויפן פאַל, אז ס'וועט שפילען איינמאהל אין 4 וואכען טעאטער, אדער ס'וועט פארקומען א קאנצערט אמאהל אין א האלב יאהר.

אויך יודיש טעאָטער איז לעצטענס געוואָרען אין ראדאם א זעלטענהייט. וואס איז דאָ דער קריזיס, צי ווייל דאָס טעאָטער קאסט צו-טייער, אָדער ווייל דער יודישער עולם קומט נישט? אויפן לעצטען הערט מען זיך בעקלאָ-גען די היגע טעאָטער-אונטערנעמער. וואָלט טאקע ששעקאווע געווען צו ווי-סען, פאַרוואס דער יודישער עולם קומט נישט אין יודישען טעאטער.

אפשר קענען עס דערקלערען די יודישע אונטערנעמער פון יודישען טעאטער?

פון די קינאס

פון „אַפּאָללאָ"

א שענער פילם איז היינט צו זעהן אין קינאָ „אַפּאָללאָ". דער פילם הייסט „גאָלדענע האָר". עס שפּילען בערימטע אָרטיסטען, צווישען זיי די פענאָמענאלע זינגערין זשאַנעט מאַקדאָנאַלד און דער בעריהמטער טענאָר נעלסאָן עדדי.

מיר געדענקען זיי נאָך גוט פון די הערליכע געזאַנג-פילמען ווי „ראָסע-מאַריא", „ווען עס בליהט דער בעז".

פון „אַדריאַ".

היינטיגע וואָך ווערט אין קינאָ „אדריא" געוויזען די הערליכע פוילישע קאָמעדיע „די פערגעסענע מעלאָדיע". אין דעם פילם נעמען אנטייל די גרעס-טע פוילישע ארטיסטען - קאמיקער ווי: שיעלאַסקי. זניטש, אָרויד מיט פערס-נער'ן בראש. אַלס אויסגעצייכענטער אַמאַנט שפילט דער פילם סטאַר זשאַב-טשינסקי.

די צושויער ווילען זיך במשך פון 2 שעה און לאַכען אָהן אויפהער. אַלס צוגאָבע איז זעהר אינטערעסאַנט דער קאָלירטער פילם און פּאַט'ס וואָך.

אָר.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
— t o —
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie Elektrycznym Sp. Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53

Przeziębienie, grypę, katar
leczy w mig
Z DZWONKIEM HERBATA!

בעקאַנטמאַכונג

מיר מאַכען דערמיט בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם אַז דער הכשר פאַר די סאנצעסיאָנירטע ריטועלע יאַטקעס אויפ'ן חודש כסלו, איז פון

גרינעם קאליר

כשר פלייש פאַדערט ביים קצב ער זאָל אייך ווייזען דעם הכשר. אין די יאַטקע וואו קיין הכשר געפינט זיך נישט, טאָר מען קיין פלייש נישט קויפען.

מחזיקי הדת ועד הכשרות
אין ראדאָם

געבּרידער האַנצבערג

האָבען געעפענט
אַ ערשטקלאַסיגען רעסטאָראַן
א. נ.
«קאַפע-באַר»
וואַרשא, גראַניטשנא 1
בעסטע, געשמאַקפולע און כשר'ע עסענס
אונטער דער אויפזיכט פון א ספעציעלען נאמן.
אַלע ראַדאָמער, וואָס קומען קיין וואַרשא דאַרפען געדענקען דעם אַדרעס און בעזוכען דעם פיינעם רעסטאָראַן פון זייערע לאַנדסלייט.

צי איז דער טייטעלבוים אַ ראַדאָמער?

אין חיפה זענען די לעצטע טעג פערוואונדעט געוואָרען עטליכע יונגע-לייט פון אַראַבישען טעראָר. זייערע נעמען זענען געווען אויסגערעכנט אין די וואַרשאַוער פרעסע. איינער פון זיי הייסט טייטעלבוים. וועגען לעצטען גע-הע‌נ-אום קלאַנגען אין שטאָדט, אַז ער איז א ראַדאָמער.

פון זשורנאַליסטן-סינדיקאַט.

קומענדיגען דאָנערשטאָג קומט פאָר אין סשענסטאָכאָוו די אַלגעמיינע יעהר-ליכע פערזאַמלונג פון זשורנאַליסטען-סינדיקאַט פון דער קעלצער וואָיע-וואודסטוואָ.

אויף דער פערזאַמלונג איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען רעד. חערץ, וועלכער איז א מיטגליד אין סינדיקאַט פון ערשטען טאָג זינט ער איז ענט-שטאַנען.

Nasz Instytut Kosmet. „Charme" Radom, ul. Żeromskiego 5, udziela bezpłatnych porad

אנאנס
אין
„ראַדאָמער קעלצער לעבען"
האָט
דעם גרעסטען
ערפאָלג

ŻĄDAJCIE TYLKO „RIKSZA" GUM..? JEDWABNE

ווילסט איר האָבן סאָלידע אַרבייט
ווילסט איר האָבן הערליכע דרוק
מיט די נייעסטע מאָדערנע שריפטן
צו ביליגע פרייזען
100 וויזיט קאַרטן 1 זל.
בעסטעלט נור אין דרוקעריי
פון **ד. שיינבוים**
ראַדאָם, זשעראָמסקי 21

Kino ADRIA Do niedzieli d. 4 Grudnia włącznie. **Kino ADRIA**
Polski film p. t.
Zapomniana melodia
w rol. gł. **Grossówna, Żabczyński, Sielański, Znicz**
OD PONIEDZIAŁKU dnia 5 grudnia rb.
„Miłość w dżungli"
Kolorowa epopea dżungli p. t.
w rol. gł. Dorothy Lamour
Ray Milland
Nad program DODATKI:

שבת דעם 3
זונטאג דעם 4
פריהמארגען - פילמען
„Dama pikowa"

אכטונג קעלץ!

אין אַלע רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע - ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגן מיט אונזער מיטאַרבייטער

ק. ביינוואַל

שריפטליך יען מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer - Kielcer - Leben" Kielce, ul. Warszawska 2.

אבאָנאמענטס פרייז:
פער 1 חודש אין פוילען זלאָ; אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק; אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr. w tekscie mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

1-szą ostatnia strona liczą 10 szpalt